# ספר
# טהרת משפחה
## (אידיש)

**באשריבן:**

אין חודש ניסן ה'תרצ"ז ביי די ארטאדאקסישער רבני'שע
לאנדעס גענעראל-פארזאמלונג אויסדערוועלט פאלגענדע
מיטגלידערם:

| | | |
|---|---|---|
| הרה"ג מו"ה | הרה"ג מו"ה | הרה"ג מו"ה |
| שלום ווידער | מנחם סג"ל פאללאק | יעקב יוסף יונגרייז |
| ב"ד נירעדהאז | אב"ד סערענטש | אב"ד ניר מאדע |

און הרה"מ מו"ה אלי' בלאסם פון דעברעצין

---

**איבערגעזעצט און ארויסגעגעבן**
דורך
**וועד טהרת משפחה**
**מאנסי, נ.י.**
**תשס"א**

*Translated and Published by*
COMMITTEE FOR THE PRESERVATION OF
JEWISH FAMILY PURITY
P.O.Box 322
Monsey N.Y. 10952
845-425-2060 Fax 845-425-7899

*Copyright '986, by Rabbi N. Neumann*

---

קאפיעס פון דעם ספר אין אידיש, לשון קודש, ענגליש, שפעניש, פראנצעזיש, רוסיש, פערזיש. הונגאריש, ווי אויך די „וסתות אויפצייכנונגס" טאוול אין די דערמאנטע שפראכן, איז צו באקומען אומזיסט, פערסענליך אדער דורך פאסט, אויף די אדרעסן: (דייטש און פורטוגעזיש אין דרוק)

**Copies available FREE of charge by writing to:**

Committee of J.F.P.
P.O.Box 322
Monsey N.Y. 10952
845-425-2060 Fax 845-425-7899

Williamsburgh:
Rabbi E. Pollack, 168 Wilson St. Brooklyn, N.Y. 11211
(718)-384-4865

Boro Park:
Rabbi A Halpert
1272 42nd St. Brooklyn, N.Y. 1219
718-871-4506

בארץ ישראל
איינהורן רח' שטראוס 23 ירושלים
02-538-6455
מענדלאוויטש רח' עזרא 14
02-532-4475

France
Rabin I.M. Reisz, 50 Rue Des Franch Bouregois
75003 Paris Tel. 278-5089

England
Rabbi M. Tager, 12 Foutayne
London N.16 Tel 806-7435

בס"ד

דער דאזיגער ספר'ל נעמט ארום אין אלגעמיינעם, די מערסטע טייל געזעצן, פון הלכות נדה און טבילה. פונדעסטוועגן, איז דאס נור געשריבן אין קורצן: די אויסצוגן. אבער אין די ווארהייט, זענען די דינים לאנג און גאר פארצווייגט, וואס אין אזא קליין ספר'ל איז דאס נישט געאייגנט צו באשרייבן, און אויך, ווייל צום מערסטן טייל געהער דאס צו די רבנים, ווי מיר באמערקן דאס ווייטער. דעריבער איז אין דעם ספר'ל צוזאמען גענומען אין אביסל ברייטערע פארם, נור די וויכטיגע און פונדעמענטאלע הלכות וואס זענען דרינגענד און נויטווענדיג און אין אלגעמיינעם אנבע־לאנגען פאר יעדע פרוי אין די טאג טעגליכע לעבן, צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן און קענען זיך אפהיטן נישט חלילה געשטרויכלט ווערן אין די טהרת משפחה געזעצן לויט אונזער הייליגע תורה. און איבערהויבט איז געווענדעט אונזער ספר'ל צו באנוצן אלס וועג ווייזער, ווען זי האט זיך צו ווענדן צו א רב, ביי די מינדסטע פארגעקומענע שאלה.

אונזער פליכט איז צו דערוועקן און צו באטאונען אין די אייגענע אינטערעסע פון יעדע פרוי: ביי יעדער געלעגנהייט ווען עס טרעפט זיך א שאלה, אדער ווען עס איז נור א צווייפל אויב עס איז א שאלה? מוז זי

זיך ווענדן צו אַ פּאָרלעסליכער אָרטאָדאָקסישן רב מיט איר שאלה (פראגע), און אויספאָלגן לויט זיין באשייד. אָבער, אויב אַ פרוי פאַרגלייכט איין פאַל (שאלה) צום צווייטן און זי באַשטימט (פּסקינט) זיך זעלבסט אליין אויף דעם דין, קען זי, חלילה, דערכפאַלן אין אַ הארבע עבירה, וואָס זי אליין וויל דאָס נישט, ווייל די דאָזיגע דינים זענען זייער קאָמפּליצירטע, און יעדער פאַל און פאַל איז אָפּהענגיק אין פארשידענע איינצלהייטן, וועלכע זענען נישט אַלעמאָל גלייך, און נור אַ רב א מומחה קען קלאָר מאכן און ענטשיידן דעם דין ביי יעדע פאַל און פאַל.

די פרוי וואָס פלייסט זיך צו ליינען און גרונטליך צו פאַרשטעהן די אינהאַלט פון דעם דאָזיגן ספר זאָל זי זיין געבענטשט. אָבער א באַזונדערע וויכטיגקייט איז, און עס איז אויך זייער נויטיג אַז מ׳זאָל זיך באַטייליגן אין די עפנטליכע שיעורים (לעקציעס), וועלכע ווערן אָפּגעהאַלטן אין די דאָזיגע דינים. פיהל פונקטן און פאַקטן פון די הלכות דאַרפן א ברייטערע און אַן׳אויספירליכע ערקלערונג, וואָס דאָס קען מען נור ערדייכן מונדליך, און דורך די קענטנזייטיגע פראַגן און אַנטוואָרטן באַגרייפטמען דאָס קלאָר און ריכטיג. אַזאַלכע שיעורים ווערן געווים ארגעניזירט דורך דער רב אדער דורך טעטיגע מענטשן פון אייער אומגעגנט — אויך וועלכן האָבן שוין די גאָר חשוב׳ע רבנים די עכטע גדולי ישראל אויפגעפאָדערט אין זייער אויפרוף וועגן דער וויכטיגקייט — וועלכע ווערן אָפּגעהאַלטן און פאַרגעלערנט פאַר פאַרהייראַטע פרויען באַזונדער

און פאר כלות באזונדער. און אויב אין אייער געגנט איז נאך אזאלכע לעקציעס נישט ארגעניזירט — איז דאס פליכט פון דער צייט דאס איינצופירן ווי אמשנעלסטן צו ערדייכן די גאר גרויסע מצוה.

♦

בס"ד

# וויכטיגע באמערקונג!

מיר אלע וויסן, אז איבעראל (אימעדים) רעדט מען און שרייבט מען אביסל אנדערש אידיש (יודיש). אויך, פון דעם ספר'ל זעלבסט, האבן מיר אכט איבערזעצונג אויף אידיש, איינס איז נישט גלייך צום צווייטן. נאך לאנגע און שווערע ארבייט, לויט די מיטארבייטערס באשלוס געבן מיר דאס ארויס מיט דער שפראך וואס איר האט פאר אייך. אונז אליין באניצן מיר זיך אויך אמאל־אמאל מיט צוויי־ערליי אויסשפראכן. און אז מ'זאל זיך נישט פארגרייזן, חלילה, איז ראטזאם — אויב דער ערליי אידישע שפראך איז אייך נישט אין גאנצן בעקאנט — זאלט איר דאס צו ערשט דורך לערנען מיט אזאלכע וועלכע זענען גוט באקאנט מיט די הלכה און מיט דער אויסשפראך, און נישט זיך שעמען איבערפרעגן די באדייטונג פון די ווערטער, ווייל אין אלגעמיין, האט יעדעסווארט א זייער וויכטיגע באדייטונג.

זכר צדיק לברכה
הרה"צ יעקב בן ישראל הי"ד

ונשמת אאמו"ר יוסף בן מו"ה ישראל
ואמי מורתי חנה בת מו"ה יחיאל מיכל
וכיו"ח הי"ד, ר"ח סיון
ונשמת חמי הרב הצ' גרשון מנחם
בן מו"ה משה
וחמותי החשובה חי' יוטא בת הרב מו"ה
שלמה צבי וכיו"ח הי"ד, ג' סיון

---

ונשמת ז' האשה החשובה גאלדא הענדל בת
מו"ה חיים וכיו"ח הי"ד, י' תמוז
ונשמת חמי מז"ר מו"ה חיים בן מו"ה אלעזר
ונשמת חמותי מז"ר פיגא בת הרה"ח משה
וכיו"ח הי"ד, י' תמוז

א"ז ישראל בן שמרי', י"ד אב
וזקנתי רבקה, י"ט תשרי
א"ז יחיאל מיכל בן אברהם, ג' אלול
ואמו דבורה בת ברוך, ט' אדר
וזקנתי ברכה בת מרדכי גימפל, ז' תשרי

# אינהאלט




הסכמות ........ 11
איינלייטונג ........ 18
פארווארט ........ 22
מבוא, אריינפיר צו הלכות נדה ........ 25


## פרק א. נדה


בלוט באמערקונג ........ 41
די פארב פון בלוט ........ 42
ביים טרעפן א פלעק (כתם) ........ 43
ביים פיהלן די עפנונג פון בלוט קוואל ........ 43
בלוטונג ביים דערנעהנטערונג ........ 45
אויפמערקזאמקייט ........ 46


## פרק ב. הפסק טהרה


אפציהען אין ריינקייט ........ 48
ווען קען זי אפציהען אין ריינקייט ........ 48
די צייט און דער צוגאנג פון די אונטערזוכונג ........ 49
אויב אין דעם טאג איז נאך געווען בלוטונג ........ 52
אפציאונג אום שבת ........ 53


## פרק ג. ז' נקיים


זיבן ריינע טעג ........ 55
דער אנהויב פון די זיבן ריינע טעג ........ 55
דער טבילה טאג, קלאהר און דייטליך ........ 55
די אונטערזוכונגען אין די ריינע טעג ........ 56
אויב זי געפינט זיך אומריין אין די זיבן ריינע טעג 58

ביים טרעפן א פלעק אין די ריינע טעג ......... 59
ביים טראגן א טראכט־רינג ................ 60


## פרק ד. חפיפה


די פארבערייטונגען צו די טבילה ............ 61
פארזיכטיגקייט אין חפיפה טאג ............ 61
פארבערייטונגען צו די טבילה ............ 62
די חפיפה ................ 62
קונסטליכע ציין, פלאסטער א.ד.ג. באזייטיגונגען ... 64
שיילעכדיגע אדער פארהארטעוועטע הויט ......... 64
די צייט פון מאכן די חפיפה ............ 65
אין פאל ווען די חפיפה איז ביינאכט ............ 65
אויב די טבילה פאלט אויס שבת אדער יום טוב .... 66
די טבילה מוצאי שבת אדער מוצאי יו"ט ........ 68
די טבילה צווישן צוויי טעג יום טוב ............ 68
הינער אויגן באזייטיגונג ............ 70


## פרק ה. מקוה


די טבילה פארשריפטן ................ 71
וואס מיינט טבילה אין א מקוה ............ 71
א וויכטיגע באמערקונג צו די עלטערע פרויען ...... 72
די צייט פון טבילה ................ 72
די טבילה ................ 73
די ברכה ................ 75
אויב זי קען זיך נישט אליין טובל'ן נור מיט הילף · 76
שאלות נאך די טבילה ................ 76

# אינהאלט

אויב די טבילה פאלט אוים יום כפור אדער
תשעה באב ........................ 77
ווען מעג זי זיך טובל'ן בייטאג ............ 78
דער פארבאט פון פארמיידן פרוכטבארקייט ...... 79

## פרק ו. דיני כלה

די אויפגאבע פון א כלה ...................... 80
ווענדונג פון א מאמע צו איר טאכטער א כלה ... 80
די פליכט פון די כלה ........................ 82
ווען קען די כלה מאכן די אפציאונג ............ 83
אויב די חתונה איז אפגעלייגט געווארן ......... 83
ווען קען די כלה זיך טובל'ן .................. 83
אויב די טבילה קומט אוים נאך די חתונה ........ 84
**וויכטיג: באשטימען די חתונה טאג** ........ 85
אפזונדערונג נאך די ערשטע פארקער, און די צייט
פון אפציאונג דערנאך ...................... 85
ווארנונג ................................. 86

## פרק ז. יולדת

די רייניגונג נאך די געבורט .................. 88
דערפיהלונג פון געבורטס ווייען ............... 88
ביי א געבורט אדער מפיל געווען .............. 88
ווען מעג זיין די טבילה נאך א געבורט .......... 89

## פרק ח. הרחקה

די דערווייטערונג ........................... 91
איינצלהייטן פון די דערווייטערונג ............ 91

די בעטן ........ 92
ביים פאהרן ........ 92
ביים עסן ........ 93
אויב איינער פון זיי איז קראנק ........ 94

**פרק ט. פרישה**

די אפזונדערונג בעפאר די וסת צייט ........ 95
דער פארבאט פון דערנענטערונג ווען מ'ערוואַרט
דעם וסת ........ 95
די דריי ערליי הויפט וסתות ........ 96
(א). וסת החודש, טאג אין חודש וסת ........ 96
(ב). וסת הפלגה, צווישן צייט וסת ........ 97
(ג). עונה בינונית, דורכשניטליכער וסת ........ 97
וסת הגוף, קערפערליכער וסת ........ 98
וסת קבוע, באשטימטער וסת ........ 99
וסת שאינו קבוע, אומבאשטימטער וסת ........ 100
די אונטערזוכונג ווען מ'ערוואַרט די וסת ........ 100
די רעכנונג פון די וסת צייטן ביז איינע פון זיי
ווערט א קבוע ........ 102
ווי אזוי ווערט א וסת קבוע בטל ........ 105
די שוואנגער צייט און נאכן געבורט ........ 107
די רעכנונג פון די דריי הויפט וסתות ........ 109
רשימת הוסתות, וסת אויפצייכנונגס טאוועל ........ 116
ערקלערונג, די אויפצייכנונגען אין טאוול ........ 117
טאוול פון די אידישע חדשים ........ 119
וסת רעכענונג טאוול ........ 122 — 120

# הסכמות

בס"ד

## יהודא לעמבערגער
אב"ד דק"ק סערענטש
כעת הרב בביהמ"ד „תורת חיים"
נוא יארק נ.י. יצ"ו

◆

אז ישבתי בק"ק סערענטש, אשר במדינת הונגרי' נדרשו מטעם גדולי התורה מנהיגי הקהלות החרדות אחדים מיוחדים ממבחרי הרבנים ובראשם חותני הגאון אב"ד דשם. כולם ידועים לפוסקים ובעלי הוראה מובהקים, לערוך לתרגם ולחבר בשפת המדינה חוברת המכילה הלכות טהרת בנות ישראל לכלליה ופרטיה.

וכבר אמרו חכז"ל (שבת פ"ח) ה' יתן אומר המבשרות צבא רב כל דיבור ודיבור שיצא מפי הגבורה נחלק לשבעים לשונות. הכונה גם בשביל צורך ותועלת של זמנים ודורות אשר חלקי ישראל נתפזרו ונפרדו לאיי הגוים בין דוברי שפות זרות שונות ובארצתם רבים מאחינו ואחיותנו בנ"י ללשנתם הורגלו ושפת לשה"ק גם אידי"ש לא ידעו ולא יבינו. בשביל אלה חוב קדוש ללמדם להבינם ולשים בפיהם מה שבידיעתה ושמירתה קדושת בית ישראל תלויה איש איש בלשונו בגויהם.

# הסכמות

זוכר אני איך חותני הגאון ז"ל בידיעת האחריות הגדולה השקיע חילו ומרצו לליבון וסדור אלו ההלכות בסגנון קל ושפה ברורה למען תהינה מובנות ומקובלות לכל. לפעמים גם פנה אל מומחי ויודעי טיב הלשון כדי שיצא דבר מתוקן.

ואמנם החוברת הופעה בבית דפוס שבעירנו ומשם הופצה על פני כל המדינה עריה וכפריה. גם מחוצה לה שם שפה ההיא מדוברת. ובכל מקום הביאה תקון גדול לטהרת בנות ישראל.

ידידי ה"ה כבוד הרב איש הנערץ חסיד אמתי כקש"ת מוהר"ר יחיאל מיכל ניימאן שליט"א יליד סערענטש משחד טל ילדתו זה חלקו ועמלו לעזור ולסייע ללא לאות לכל דבר קודש. כן עזר ופעל להפצתן של אלו החוברות. ואחרי באו הנה משאת נפשו לא הדלה ממנו עד כי חידש את הראשונות הוסיף לתרגומם על שאר לשונות כפי המבוקש והצורך. הוא לא נח ולא שקט להפיצן על פני תבל. את הכל הוא עושה על פי בקיאים בהלכה ומביני טיב השפות.

כפי שאני מכירהו מאז וגם עתה לא עבוד בצע כסף או דכישת כבוד המדומה. כל פעלו למען זכות הרבים להוסיף טהרה בישראל. מאליו מובן כי עבודה כזו דרושה לאמצעים עצומים בלתי אמודים. ולמען לא

## הסכמות

תשבת מלאכת הקודש אך בשביל חסרו, כדאי להצטרף אל פעולתו הכבירה ולהיות נמנים בין הזוכים והמזכים.

ג׳ לסדר וכה תעשה להם לטהרם, תשט״ל לפ״ק.

בכל הכבוד וידידות

**ה״ק יהודא לעמבערגער**

הרב דביהמ״ד „תורת חיים"

מ׳ אב״ד דק״ק סערענטש יצ״ו

# הסכמות

## משה שטערן

אב"ד דעברעצין ווייזהיזל יצ"ו, בעהמח"ס באר משה בלאאמו"ר הרא"ש, בעמ"ח ספרי גפי אש ומליצי אש ושאר ספרים ברוקלין יע"א

◆

בעזהשי"ת

עס פריידט מיך זייער צו זעהן אז בעזהשי"ת איז פאר אונזער ידידנו הרב המו"מ וכו' וכו' מוה"ר יחיאל מיכל ניימאן שליט"א געלונגען איבערזעצן אויך אויף אידיש דעם גאר חשוב'ן ספר „טהרת משפחה", וועלכער איז באשריבן און ארויסגעגעבן געווארן דורך די פריערינע גדולי וגאוני הרבנים זצ"ל אין אונגארן, אויף די אונגארישע שפראך. איך האב די איבערזעצונג גוט אדורך געליינט און באטראכט פון אנפאנג ביז צום סוף, און געפונען אלעס ריכטיג, אויך די צוגעגעבענע איינצלהייטן און די ערקלערונגען, איבערהויבט ספעציעל ביי די וסתות אויסרעכנונגען א.ד.ג. שטימען אלע פינקטליך מיט די ארגינעלע, אהן קיין שום ענדערונג אין די הלכה. מיין טיעף אינערליכן דאנק לכמעה"ר

# הסכמות

פאר אייער גרויסע מיה און אונשטרענגונג ארוים צוגעבן אזא גרונדליכע און פולשטענדיגע זאך. איך בין זיכער אז דער ספר׳ל וועט אונגענומען ווערן אין אלע קרייזן, ווייל ביז יעצט איז נאך כמעט נישט געזעהן געווארן אזא גוט און ריכטיג ערקלערטע ספר׳ל איבערזעצט אויף די אידישע שפראך, ווי דער. וצלח ורכב על דבר אמת.

וע״ז בעה״ח ב׳ מטות ומסעי שנת תשל״ט לפ״ק

ברוקלין יצ״ו

בידידות
**משה שטערן**
אב״ד דעברעצין יצ״ו

# הסכמות

## הרב שלמה דוב ווידער

בן הרה"ג מוה"ר שלום ווידער אב"ר מנירעדהאז יצ"ו.

◆

בס"ד

ווען דאס ספר ליקוטי אמרים פון תניא ז"ל איז ארויסגעקומען, האט דער בארדיטשעבער צדיק זי"ע געזאגט: „איך ווייס נישט ווי אזוי דער גרויסער באשעפער האט זיך געקענט אריין שטעלן אין אזוי קליין ספר'ל". איך זאג אויך אזוי; אין דאזיגען אין דער אונגערישער שפראכע געשריבענע קליינעם ספר'ל שטעקט גרוים לומדות, גריינדליכע הוראה און א סאך ארבעט, עס איז גאר א וויכטיגער ספר אין דעם דאזיגען פאך.

די אונגערישע ארטאדאקסען קאנצעליי האט דאס געלאזט פארפאסען אין דער אונגערישער שפראכע, כדי דאס צוגענגליך מאכען צו די גרויסע מאסען נשים צדקניות וועלכע האבן זיך בעסער אויסגעקענט אין דער דאזיגער שפראכע.

צו דעם צוועק האבען זיי אויסגעקליבען מיין טאטען דען נירעדהאזער רב הגאון מוה"ר שלום ווידער ז"ל

הי"ד, וועלכער איז געווען מפורסם פאר א חריפישען גאון און עמוד ההוראה (א תלמוד פון ייטיב לב און קול ארי' זי"ע) . . . אין דער רבנים קאמיטעט וועלכע זיי האבן בעטרויט מיט דעם ספר פערפאססן.

איך קען עדות זאגען, אז אאמו"ר ז"ל איז געזעסן שבעה נקיים אויף יעדן אות און שורה בעפאר ער האט דאס ארובגעשריבען (און כמה פעמים דאס איבער־געשריבען) וועקסלענדיג בריעף' און זייער אפט פערסענ־ליך איבערגערעדט מיט די אנדערע צוויי רבנים, . . . און עס האט געדוירט א גאר לאנגע צייט ביז מען האט עס . . . ארויסגעגעבן צום דרוק, אזוי אז דאס באמת א יחיד במינו, מען קען זאגען עס איז אויף דעם געביט א תורה שלימה, . . .

איך האב געהאלטן ראטהזאם צו בעמערקן די אויביגע פאר ווערטער, כדי ווער עס וועט נעמען דאס ספר'ל אין דער האנד זאל באלד וויסן אין וואס א ספר'ל עס האנדעלט זיך, און ווי וויכטיג עס איז אז דאס זאל זיין אין יעדען אידישן הויז.

**הרב שלמה דוב ווידער**

בס"ד

# פתיחה

## איינלייטונג

געלויבט השם יתברך פאר זיין גרוים גענאדע אז מיר האבן געהאט די זכי' דעם זייער השוב'ן ספר „טהרת משפחה" איבערזעצן אויך אויף דער אידישע שפראך.

דער דאזיגער ספר „טהרת משפחה", איז געשריבן געווארן דורך א ספעציעלע קאמיטע, וועלכע זענען אין חודש ניסן ה'תרצ"ז ביי דער ארטאדאקסישער רבני'שע לאנדעם גענעראל-פארזאמלונג — פון צווישן די חשוב'ע מיטגלידערם — ספעציעל צו דעם צוועק אויסדער-וועלט געווארן, מיט גרוים עהרע און שעצונג: הרה"ג שלום ווידער אב"ד נירעדהאז, הרה"ג מנחם סג"ל פאללאק אב"ד סערענטש, הרה"ג יעקב יוסף יונגרייז אב"ד ניר מאדע, הרה"מ אלי' בלאסם פון דעברעצין זצ"ל. רבנים, פון פיעל יאהרן פראקציע און מיט א סאך ערפארונגען. נאך בעפאר דער ספר איז געדרוקט געווארן, איז דאס געוויזן און באוויליגט געווארן פון הונדערטער רבנים, וואס צווישן זיי אויך גרויסע תורה ריזן פון יענעם דור. דעם ספר האט דער ארטאדאקסישער לאנדעם קאנצעליי געארדנט צום דרוק אין שטאט סערענטש יצ"ו. צו באמערקן, אז אויך די גאנצע ערוועקונג און אויפרוף וועגן דער זייער וויכטיגער זאך, איז אויך געקומען פון דעם זעלבן שטעטל דורך הרב

# פתיחה

הצדיק וקדוש מוהר"ר יעקב בן ישראל הערשקאוויטש זצוק"ל זי"ע הי"ד. ברוך השם אז מיר האבן געהאט די זכי' איהם מיטהעלפן און אויך צו שטוצן נאך אין יענע צייטן, ווי אויך בעזרת השם ווייטער אנטייל נעמען אין זיין הייליגע ארבייט. דאס ספר'ל איז אנגענומען געווארן מיט גרויס צופרידנהייט אין אלע קרייזן און עס איז איבערגעדריקט געווארן מערערע מאל, אויך נאך די מלחמה אין דייטשלאנד; אין בערגן בעלזן, מיט דער הקדמה פון הגה"צ מוהר"ר צבי הירש מייזליש הרב מווייצן, זצ"ל, און ער ז"ל האט אונז פערסענליך נאכגעזאגט פון זיין פאטער הגאון בעמ"ס „בנין דוד" זצוק"ל, אז ער האט אויך בארבייט און מסכים געווען צו דעם ספר. אויך אין באמבערג, מיט די הקדמה פון הגה"צ מוהר"ר יחזקאל שרגא ליפשיטץ ה"ש אדמו"ר מסטראפקוב שליט"א כעת בעיה"ק ירושלים תו"ב. אויך אין קענעדע און דא אין אמעריקע פיעל מאל, 2 מאל שוין דורך אונז. ביז יעצט האבן מיר שוין דעם ספר'ל בס"ד איבער געזעצט און ארויסגעגעבן אויף די פאלגענדע שפראכן: ענגליש, שפאניש, לשון קודש, רוסיש, פראנצעזיש, און געווארן אויסגעטיילט, לויט די פאדערונגען, אויך אין ארגענעלע אונגארישע, ווי אויך אויף אידיש „די אידישע פרוי", ביי ארום; דריי הונדערט טויזנט (300.000) ספרים"לעך און פיעל פיעל טויזנטער רשימת הוסתות אויף אלע זייטן פון דער וועלט, אלעס פריי, נישט פאר קיין געלט. אויך ווערן דורך אונז אפגעהאלטן פארטראגעס און פאר־

# פ ת י ח ה

געלערנט שיעורים פאר פרויען אין די הלכות. די רעזולטאטן פון דעם אלעם זענען זייער גרויס (אפילו נור, וויפיל מיר ווייסן), און מ'קען עס נישט אפשאצן. נאך אויף זעקס (6) שפראכן האבן מיר שוין די איבער־זעצונג אויף די הלכות, און מיט נאך עטליכע האלטן מיר אין־רער־מיט, אבער דאס פאדערט נאך פיעל ארבייט און מעהר מעגליכקייטן. יעדנס און יעדעס הילף קען ברענגען גרויס ערפאלג. די פינקטליכע איבער־זעצונג פון דעם ספר'ל מיט די צוגעגעבענע אייניצלהייטן און ערקלערונגען, איבערהויבט ביי די וסתות אויס־רעכנונגען א.ד.ג. וואס טוהען פארלייכטערן צו באגרייפן דעם אינהאלט פון די פונקטן, איז בעשטעטיגט געווארן דורך די הסכמות פון חשוב'ע רבנים שליט"א וועלכע זענען בעקאנט מיט דער שפראך. מיר דריקן אויס אונזער גרויסן דאנק צו די אלע וואס האבן אונז צוגעהאלפן און העלפן צו ערמעגליכן ארויסגעבן די גאר וויכטיגע און חשוב'ע ספרים'לעך, זיי זאלן געבענטשט ווערן פון הימל מיט אלע ברכות, און מיר זאלן האבן די זכי' צו זיין פון די מזכה את הרבים לשם שמים.

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר דאנקען און לויבן דעם הייליגן גרויסער באשעפער פאר זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט מיט אונז געטוהן שטענדיג, איבערהויבט אין די שרעקליכע צייטן טאג טעגליך אויף ווינדערליכע וועגן אונז געראטעוועט מיט זיין אויסערגעוועהנליכע דערבארעמקייט, מיר בעטן אויך ווייטער ברוב רחמיו

וחסדיו אונז קיינמאל נישט פארלאזן, און מיר אלע
אידן זאלן מיר שוין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה דורך
משיח צדקנו במהרה בימנו אמן כן יהי רצון.

ועש"ק לס' זאת חקת התורה, תשל"ט לפרט,
ברוקלין יצ"ו.

**יחיאל מיכל ניימאנן**
רב מווינא יצ"ו.

# הקדמה

## פארווארט

מיט דער אינהאלט פון דעם דאזיגן ספר'ל האבן מיר זיך באפלייסט צו ערפילן די הייליגע אויפגאבע, וואס די הויכגעשעצטע רבנים פון דער צענטראלער רבנישע קאמיטע האבן אונז באעהרט, צו קאנצענטרירן אין קורצן די פאמיליען לעבן'ס געזעצן לויט די געבאטן פון אונזער הייליגער תורה, זיי צו פארפאסן און צו פארשפרייטן, אז דאדורך צו פארמיידן און צוריק האלטן די טראגישע פארבלאנזשונג וואס מערסטנס טייל שטאמט דאס פון אומוויסנהייט פון אונזערע הייליגע געזעצן, וואס ליידער, אסאך אסאך פון אונזערע אידישע ברודערס זענען דאדורך אריין געשליידערט געווארן אין איינע פון די הארבסטע זינדן, וואס דורך דעם אפילו אויף די קומענדיגע גענעראציעס פארבלייבט איין אומאויסמעקנדיגער פלעק.

מיר ערלויבן זיך בעזרת השם יתברך צו האפן, אז אונזערע באמיאונגען וועלן זיין מיט ערפאלג, און מיט די הילף פון די הויכגעשעצטע רבנים שליט"א

וועלן מיר דערגרייכן דאס יעדער חתן און כלה, נאך בעפאר זייער חתונה, וועלן זיי זיך באפלייסן באקענען זיך מיט דער אינהאלט פון דעם דאזיגן ספר'ל, און אויך נאך

די חתונה ווערענד זייער צוזאַמען לעבן וועלן זיי דאָס מעהר אויספירליכער, פון צייט צו צייט, איבער לערנען, אַז זייערע געמיינזאַמע פאַמיליען לעבן זאָל זיין פריי פון די זייער הארבע נדה זינדן, וואָס דאָס פאַראורזאַכט אַ שרעקליכע ווירקונג און נאָכפאָלגן אויך אויף זייערע דורות, וועלכעס דער הייליגער וועלט באַרימטער צדיק דער פאַרפאַסער פון דעם ספר „חפץ חיים" שילדערט און ווייזט אָן אין זיינעם אויפרוף (זעה אַריינפיר), וואָס שטעהן פאַר אונז דערציטערטע.

די דערמאָנטע הילף פון די חשוב'ע רבנים שליט"א מיינען מיר אין דעם פאַרם, אַז אויך פון זייער זייט וועלן זיי זיך באַפלייסן בייהילפיג זיין, אַז יעדער חתן און כלה, וועלכע האַלטן פאַר די חתונה, זאָלן זיין מיט דעם אינהאַלט פון דעם ספר'ל גוט באַלערנט, און אויך זיך איבערצייגן פון די דערגרייכטע רעזול־טאַטן, וואָס דאָס דערמאָנט אויך דער רב אין דעם ציינגים, וואָס דער חתן דאַרף מיט נעמען צו זיין פאַרהייראַטונג.

השם יתברך'ס ברכה זאָל באַגלייטן און באַגליקן אונזער ווערק, און לויט אונזער דערמאָנטע האָפנונג זאָל דאָס ווירקליך ערפילן איר הייליגע אויפגאַבע, און דעמאָלס האָפן מיר, אַז די שווערע פּריוואונגען, וועלכע באַדרינגען טאָג טעגליך די אידנטום, וועלן זיי ענדליך פאַרשווינדן ווערן פון אונז, ווייל עס איז באַוואוסט,

אַז דער אורזאַך פון די אידישע ליידונגען זענען: די זינדן, און לויט די רעדוצירונג פון די זינדן, ווערן רעדוצירט די ליידן.

הימלישע דערבאַרעמונג זאָל פליסן צו אונז, אַז עס זאָל שוין זיין אַנ'ענדע צו אונזערע דערנידריגונגען און צו אונזערע פּריוואַונגען, דאָס מיט אונזערע זעעלישע ריינינגונג און מיט באַנייטע רעליגיעז־מאָראַל אויפפירונג, זאָל שוין אויך אונז אויף־שיינען דער טאָג, פון ווען אָן ווייטער עס וועט זיך שוין אויפהערן די קרעכצן פון שמערצן און פּלאָג אין די אידישע געצעלטן, און אַנשטאָט דעם — פון אומגעשטערטע פרייד און אומבאַגרענעצטע גלוקליכקייט — לויב לידער און געזאַנגען וועלן זיך דערהייבן צום הימל . . . אָמן כן יהי רצון.

♦

בס"ד

# מבוא

## אריינפיר צו הלכות נדה

די ריינקייטס צוימען אין די אידישע פאמיליען לעבן, איז איינס פון די וויכטיגסטע און פונדאמענטאלע געבאטן פון אונזער הייליגע תורה. די הארבע שטראף — פון די הארבסטע — וואס די הייליגע תורה פאר־צייכנט פאר דעם פארלעצן די דאזיגע געבאטן ח"ו, איז „כרת", סיי פאר דעם מאן און סיי פאר די פרוי, אזוי ווי אין פסק שטייט „ונכרתו שניהם . . ." (ויקרא כ. פסוק יח.) דאס הייסט; די וועלכע וואס וועלן פארלעצן די ריינקייטס פארשריפטן, וועלן ביידע פארשניטן ווערן . . .

אז מיר זאלן בעסער פארשטיין די הארבקייט פון דעם פארבאט, איז גענוג א באווייז דאס די תורה הקדושה האט באשטימט אויך דעם זעלבן שטראף פאר דעם יעניגן, וועלכער פארשוועכט דעם פאסטן אין הייליגן טאג יום כפור, אדער ווער עס האט געשלעכט־ליכע באציאונגען פארבאטענע צו זיי, חס ושלום. שרעקליך און טראגיש איז די דאזיגע שטראף רחמנא ליצלן, די נשמה ווערט ארויס געשניטן פון איר ווארצל, און קען מער נישט צוריק קערן צו איר אור־שטאם, און אויך די קינדער אין זיינד פארשוואנגערט, דורך לויפענד די צייט שטארבן זיי אוים, די גענעראציעס

## אריינפיר צו הלכות נדה

ווערן פארניכטעט, פריער אדער שפעטער ווערן זיי פארשווינדן פון דער פלאך פון דער וועלט, „כרת ועריריי" . . .

די הארבקייט פון דעם פארבאט און זיין גרויסע שטראף, דארף זיין איינגעקריצט אין אונזערע הערצער און שטענדיג שטייען פאר אונזערע אויגן, אז עס זאל ביי אונז חלילה זיך נישט דערוועקן דערקעגן אפילו די מינדסטע געדאנקען שטריך. ליידער, צום באדוירן, עס עקזיסטירט צווישן אונז א באדייטענדער צאל פון אזאלכע וואס פארמאגן נאך אין זיך א פונק פון גלויבן, וואס פאר קיין שום פרייז וועלן זיי זיך נישט ערלויבן צו פארלעצן דעם געבאט פון פאסטן אין הייליגן טאג יום כפור, פונדעסטוועגן צו דער פארבאט האלטן זיי זיך גלייכגילטיג, צי גאר זיי באנוצן זיך מיט נישטיגע אויסריידן. אויף צו בארוהיגן זייער געוויסן און אביסל איינשטילן זייערע גייסט, זאגן זיי: עס איז אמת און ריכטיג, אז דעם געבאט, ווייטגייענדע געזונדהייטס שטאנדפונקטן טוהען באגרונדן, און מיר אנערקענען דעם דאזיגן ציל: אבער דעם ציל און רעזולטאט קענען מיר דעמאלס אויך דערגרייכן, אויב מיר האלטן נישט איין די אלע געפאדערטע איינצל-הייטן, וועלכע אויף די ריינע טעג און טובל'ן זיך אין מקוה באציען זיך.

דאס איז אנ'אומבאגרענעצטער גרויסער טעות

(אירטום), און גאר א הארבע גרייז אזוינם צו קלערן !!!
ווער עם רעדט אדער טראכט אזוי, בלאנדזשעט אין
זיין וועג, און מיט דעם געדאנקען צייגט זיך ארוים,
אז ביי איהם איז לויז און וואקלדיג אונזער גלויבנם
פונדאמענט, די ריכטיגע אמונה, אז די הייליגע תורה
מיט אלע אירע איינצלהייטן זענען אונז געגעבן געווארן
פון אונזער הייליגן באשעפער, ברוך הוא.

אלענפאלם פון דעם מעדעצינישע שטאנדפונקט,
זענען זיי שטארק גערעכט, אז דער געבאט, ווירקליך,
האלט אוים לויט די טיעפסטע געזונדהייטליכע פאדע־
רונגען. בארימטע וועלט אנערקענטע דאקטוירים האבן
שוין נישט נור איינמאל זיך געאייסערט און פאר־
עפנטליכט, אז דאם פונקטליכע אפהיטן דעם טהרת
משפחה געבאט, האט א גרונדליכע גוטע ווירקונג סיי
פאר די פארהייראטע פאר־פאלק זעלבסט, און סיי אויף
זייערע קינדער אויף ווייטער. „די תורה פארשריפט־
ליכע נדה געבאט, גענצליך שטימט איין מיט די
מענטשליכע נאטור, דאם פונקטליכע אפהיטונג און די
שטרענגע איינהאלטונג, טוהט אויסמיידן די זייער
אפטליכע קראנקהייטן (פרויען קראנקהייטן), דאם
ברענגט דערצו אז די גלויביגע עלטערנם קינדער זענען
ווידערשטאנדם פעהיג (אמאנאזירט) קעגן געוויסע
קראנקהייטן און אנשטעקונגען (מגפות) רח"ל,
און דאם טוהט דערקלערן, זייער מיטגעבוירענע
פעהיגקייטן און גייסטיגע העכערקייט."

(Social Hygiene der Juden, von Dr. Nossig.)

אין דאס איזווירקליך אויך זעלבסט פארשטענדליך, ווייל אויך אלע מצות (געבאטן) פון די הייליגע תורה טוהען אייגענטליך דינען גונסטיג, צו די געזונדהייטס אינטערעסן פון די מענטשן. דאס איז אבער נור א זייטיגע נאטירליכער נוצן, אבער נישט: — דער צוועק און ציל. א גוואלטיגער טעות איז דאס צו מיינען, אז השם יתברך׳ס תורה איז נור בלויז א מעדעצינישע ביכל.

פיעל העכערע אורזאכן דיקטירענדע אויך באצוגליך אויף די פאמיליען לעבן׳ס געבאטן. „והתקדשתם והייתם קדושים . . .״ (ויקרא כ. ז.), דאס הייסט: „איר זאלט זיך הייליגן, דאמיט איר זאלט זיין הייליג, ווייל איך בין אייער באשעפער!״ מיט דעם האט די הייליגע תורה אוועק־געשטעלט דעם פונדאמענט און באזע אויף די פאמיליען לעבן, ווי אויך אין אלגעמיין די ריינע, באשיידענעם, געהויבענע מאראלישע געזעצן.

„והתקדשתם״, איר זאלט זיך הייליגן! הייבט זיך ארויס פון וואלגערן זיך אין די שמוציגע בלאטע אונטער די טהירישע ליידנשאפטן אין א העכערע און רייגערע אטמאספער, באהערשט אייערע גלוסטונגען און שלעכטע נייגונגען, איר זאלט זיי באקענפן, זאל זיין פאר אייך שטענדיג א גרענעץ, וועלכעס מען טאר נישט איבער־טרעטן, איר זאלט אייך זעלבסט ערציען אויף א העכערע שטופע ווי דאס טהירישע, צו אזא,

# אריינפיר צו הלכות נדה

באשעפעניש וואס הייסט: מענטש.

„והתקדשתם", איר זאלט זיך הייליגן! איר זאלט זיך לייטערן, און זיך אויפהייבן צו עררייכן גייסטיג די העכסטע שטופע, דאמיט אייערע פאמיליען לעבן זאל זיין מיט יראת שמים און הייליגקייט, הארמאנירטע הימלישע איידלקייט מיט די ערדישע ריינליכקייט.

דעריבער איז אלזא קלאר, אז ווי באלד די רעדע איז דא פון א דערהויבענע מאראלישע ריינליכקייטס ציל, א שטרענגע און א זייער א הארבע ג־טליכע געבאט און נישט פון א געזונדהייטליכע מעדעצינישע פאר־ארדענונג, פון זיך זעלבסט פאלן אוועק אלע אויסריידן וואס דער מענטש מיט זיין באגרענעצטע פארשטאנד קען זיך אויסקלערן חלילה גרינגשעצן דעם דאזיגן געבאט. און אויב א פרוי — דעם אומשטארצבארע געזעץ — ווען אויך זי האט די פארשריפטליכע דערוויטערונג איינגעהאלטן, און אויך די פארלאנגטע טעג געציילט, נור אבער, אין א כשר'ע מקוה האט זי זיך נישט ג'טובל'ט, האט זי די געבאט פון די הייליגע תורה נישט אויסגעפאלגט. ווען אפילו זי האט זיך געבאדן הינדערט מאל אין אנ'אנדערע באר, ביז ווי לאנג מיט אלע איינצלהייטן אין א כשר'ע מקוה האט זי זיך נישט ג'טובל'ט, איז זי אין אלע הינזיכטן אומריין אלס נ ד ה, און ציהט מיט זיך די הארבסטע און שרעקליכסטע שטראף וואס מ'קען זיך נור פארשטעלן, רח"ל.

# ארייַנפֿיר צו הלכות נדה

מיר ברענגען דא אויסצוגן פון די פלאם פייערדיגע אויפרוף, פון דעם וועלט בארימטן צדיק, דער פארפאסער פון דעם ספר „חפץ חיים" זכר צדיק לברכה, וועלכע זענען פארעפנטליכט געווארן נאך מיט צענדליגע יאהרן צוריק:

„מיט אנ'אומבאגרענעצטער איבערראשונג און מיט א שוידערליכן געפיהל זעהען און הערן מיר, ווי צו די אויערן וואס הערן אזאלכעס, וועגן די שרעקליכע בראך וואס האט איינגעבראכן אויך צווישן אזאלכע וואס זיי ערקלערן זיך פאר רעליגיעזע, און דאך מיט א געוויסע נאכלעסיגקייט און גלייכגילטיגקייט האלטן און היטן זיי די דערוויטערונגס געזעצן, אויף וועלכעם מיר זענען געבאטן אויף זיי פונעם הייליגן באשעפער יתברך שמו. און צו דעם אלעם אויך די שרעקליכע, באדוירענדע פארדארבנקייט און די אוממאראלישע אויפפירונג וואס הערשט ליידער אין אונזערע צייטן. וועלכע פאראורזאכן אלערליי צרות און טראגעדיעס אינערהאלב די פאמיליע ווי אויך אויסער די היים, רח"ל: דער זינדיגער פארמיידונג פון די ברכה פון קינדער האבן, די פארניכטונג פון די זאמן נישט ווערן באפרוכטבארט, דאס באגרענעצונג פון האבן פון נישט מער ווי איינס אדער צוויי קינדער, און די שרעקליכע זינד פון די געמישטע בעדער, שווים באסיינען צי אין פרייע וואסערן, ווירקליך הימל שרייענדע זינדן און זינדיגונגען וואס טוהען אויף

טרייסלען הימל און ערד, השם ישמרנו.

די אלע הימל שטורעמדיגע זינדן דערוועקן און פאראורזאכן חלילה דעם הייליגן באשעפערס שטראף, ביי איינינגע די געוואלטיג שווערע לעבנס עקזיסטענץ קאמפף, די פארמעגליכע געהן צוגרונד, די געפאלנקייט, פארשידן ארטיגע קרענק און געזונדהייט פראבלעמען, און איבער אלעם, די דערנידריגונג, ארונטערשעצונג און פארפאלגונג פון דער כלל ישראל, השם ישמרנו.

ווי ווייט אנ׳אומבאגרענעצטע און א געוואלדיגע פאראנטווארטליכקייט טראגט אויף זיך די פרוי אדער מאן, וועלכע טוהען פארלעצן אדער גרינגשעצן חלילה, די טהרת המשפחה און די יודישע מוראל געזעצן: אייגפאך, אין פולן־זין פון ווארט, שטעלן זיי איין אין געפאר זייערע אזוי געליעבטע און אומשולדיגע קינדער׳ם לעבן, זיי גרובן אונטער זייער זעלבסט אייגענעם לעבנס אויפענטהאלט און פאראורזאכן די פארניכטונג פון זייערע נשמות און פאר כלל ישראל אומפארמאסטעגע צרות, השם ישמרנו.

אין ווארהייט (אמת), אז די וועלכע וואס טרעטן איבער אונזער הייליגע גלויבנס געזעצן, נישט אלץ שטאמט דאס פון זינדיגונגס ווילן אדער פון נישט גלויבנקייט, חלילה, נור מערסטנס וועגן די פאלגענדע אורזאכן:

א). אומוויסנהייט; זיי ווייסן נישט די הארבקייט פון די זינדן און פון די נאכפאלגן וואס דאס וועט פאר זיי ברענגען, און פון זייערע שרעקליכע שטראפף האבן זיי נישט קיין אהנונג.

ב). נישט ריכטיג אינפורמירט; מאנכע טייטשן אוים דעם ציל פון די געבאטן נישט ריכטיג און זיי גרייזן אין זייערע אויספאלגונג.

ג). געגצליך אומוויסנהייט; עס איז פארהאנדן אזאלכע וואס איבערהויבט ווייסן זיי נישט די געבאטן פון די הייליגע תורה.

ווער עס האט אדורך געלערנט די פינף בענדער (חומשים) פון אונזער הייליגע תורה, דארף ווים, אז די וועלכע וואס פארלעצן די הייליגע פאמיליע לעבן׳ם געזעצן אדער די וואס האבן אוממאראלישע באציאונגען פארבאטענע צו זיי, טוהט זיי דער באשעפער יתברך שמו באשטראפן מיט די גאר הארבסטע שטראפף „כרתי".

„ואיש אשר ישכב את אשה דוה ונכרתו שניהם מקרב עמם„ (ויקרא כ. יח)

„א מאן וואס האט געשלעכטליכע באציאונגען מיט א פרוי ווען זי איז א נדה, וועלן זיי ביידע פארשניטן

ווערן פון צווישן זייער פאלק".

„ואל אשה בנידת טומאתה לא תקרב לגלות ערותה" (ויקרא יח. יט).

„ווען א פרוי איז אומריין אלס נדה, זאלסט זיך נישט דערנעהנטערן צו האבן מיט איר, פארקער".

דער באגריף וואס „כרת" באדייט, איז א פען נישט מעגליך פאלקום געטריי און פאר ריכטיגקייט ענטשפרעכענדיג צו באשרייבן און שילדערן. אויך די מענשטליכע פארשטאנד איז צו שוואך פאר זיך פארשטעלן פון דעם א קלארן בילד, דעריבער, נור ארום דעם באגריף פון כרת זענען מיר געצווינגען צו צייכנען:

„כרת": — פארניכטונג, דער מענטש בעפאר עם ענדיגן זיך זיינע לעבנס יאהרן; מעניגע: ביי זיינע בליענדע יונגע אדער גאר אין די גליקליכסטע יאהרן פלוצלינג — סיי א מאן אדער פרוי — ווערן ארויסגעריסן פון צווישן די לעבעדיגע און פון זייערע צוהעריגע ליעבע נאהנטע קרייז, איבערלאזנדיג נאך זיך טרויעריגע אלמנה און יתומים מיט א גרויסע פראגע צייכן, פאר וואס? . . . נור דער איינציגער באשעפער אליין וואס פאר איהם איז אלעם אויך די פארבארגנסטע געהיים (סוד) אויפגעדעקט ווי אנ'אפענער ספר, וואס ער די לאנג פארגעסנע און אין טונקלהייט איינגעהילטע

און געהיים באגאנגענדע זינדן האלט ער אויך אויף די רעכנונג (ליסטע): ער און נור ער ווייסט די ענטפער...

אבער, אויב דעם פארזינדיגטן האט השם יתברך פאר געוויסעווערטפאלע פארדינסטן דאך באשאנקען מיט לאנג לעבן, אדער גאר אויך מיט א גוט און גלוקליך לעבן, זאל ער זיך נישט איינרעדן און טראכטן — אויב ער האט נישט ריכטיג תשובה געטוהן און פארגוטיגט מיט זיין ווייטערע אויפפירונג — אז השם יתברך האט אפשר פארגעסן אדער פארגעבן זיינע גרויסע זינדן. ניין! זיין פארדינטן שטראף קען ער נישט אויסמיידן! זאל ער זיין גרייט נאך צו א פיעל שרעקליכערע און הארבערע שטראף, וואס דאס איז די צווייטע און הארבערע זייט פון „כרת": די נשמה אויסראטונג. פוןביידע זינדיגערם — דער מאן און די פרוי — זייערע נשמה ווערט פארניכטעט, פארלירן עולם הבא די אייביגע וועלט, וואס דאס שטייגט איבער אלע שמערצן און ליידן פון דער וועלט, השם ישמרנו.

די נשמה, איז א ריינע ליכט שטראל וואס איר שטאם און איר אור קוואל איז פון השם יתברך.

די נשמה, איז א ג־טליכער פונק, וואס אין א נישט לעבעדיגן קערפער גיט דאס אריין לעבן.

די נשמה, איז א קליין ליכט־שיין פון השם יתברך

# אריינפיר צו הלכות נדה

אנ'אומשטערבליכער ג־טליכער האוך, וואס דער גרויסער באשעפער אליין האוכט אין אונז אריין, וואס איר אויפגאבע און באשטימונג איז, אז דער קערפער, דאס טירישע אינעם מענטש פאר פיינערן און אויס צו אידלען, מאראליש און גייסטיג איהם אויפהייבן און פאר־פאלקאמען. א הייליג הימלישער פלאם איז די נשמה, וואס איר איינציגע גלוסטונג איז, אז ביים פארענדיגן איר אויפגאבע אויף די ערד, זאל זי קענען צוריק קערן צום הייליגן באשעפער, איר לעבנס קוואל, אז דארט זאל זי קענען פארנעמען איר פארדינטן פלאץ אין די אומשטארבליכע גלאנציגע קעניגטום.

אבער מיט אזאלכע שווערע באשולדיגונגען באלאס־טעטע נשמה, מיט אזאלכע שענדליכע זינדן פאר־שמירטע נשמה — וואס נור דאס טראכטן דערפון טוהט אויף שוידערן — זי קען צו איר פלאץ מער נישט צוריק קערן, נור זי ווערט ארויסגעשטויסן, פארטריבן, שוועבט און וואלגערט זיך ארום נישט טרעפענדיג קיין שוץ פלאץ. אזוי א נשמה איז אויסגעראטעט, און פאר־שניטן פון איר לעבנס קוואל אויף אייביג . . .

די וואס פארלעצן די הייליגסטע טהרת המשפחה געזעצן, טוהט זיי השם יתברך זייער אפט מאל באשטראפן אז זיי בלייבן אהנע קינדער (ערירי) רח"ל. אויב ווייל זיי בלייבן אומפרוכטבאר, אדער, דורכדעם וואס זייער קינדער שטארבן אויס נאך ביי זייער לעבן,

אזוי ארום ווערט די משפחה בוים פארשניטן און גענצליך פארניכטעט. די פרייד און די האפנונג ווערט פארשווינדן, א צושטאנד פון אונטערגנירונג: — דאס איז אויך כרת!

די פארלעצונג פון די טהרת משפחה געבאטן און די אוממאראלישע לעבנס פירונג: ציהט אויך נאך זיך דאס שטארבן פון זייערע יונגע קינדער. אין וויפיל פאלן פונקט די עלטערן וואס זיי ציטערן אזוי שטארק פאר זייערע געליבטע קינדער, זיי זעלבסט אליין זענען שולדיג וועגן זייער יונגע פארצערטלטע קינדערס אוים שטארבן. דורך זינד געבוירענע קינדער שטארבן אוים פאר די צייט, אזוי ארום גייט די גענעראציע פאר־לוירן, פארטיליגט און אויסגעמעקט. דאס אויך: — א פארם פון כרת.

און אויב אפילו דורך געוויסע פארדינסטן, אזאלכע קינדער אמאל פארבלייבן, איז אבער קיין צווייפל נישט, אז אויף זייערע נשמה האבן די עלטערן ארויף געזיגלט די זינדיגע אומפארוואשענדע סטעמפל, וואס דאס האט א שלעכטע ווירקונג אויף זייערע גאנצער גייסט, אויף זייערע נאטור און אויף זייערע רעליגיעזישער אויפ־פירונג אויף שטענדיג.

אין אומריינליכקייט פארשוואנגערט געבוירענער קינד, טראגט אין זיך דאס נייגונג צו די נידריגע

# אריינפיר צו הלכות נדה

אוממאראלקייט און דאס ווארצל פון אומגלוביגקייט. פון די ווערן מערסטנס פושעים און כופרים, וואס ברענגען אויף זייערע עלטערן שאנד, שפאט, שמערצן און ליידן. פאר אזא קינד אין זיין פארגיפטעטע נשמה איז א שטענדיגער אינערליכע קאמף, און א אייביגע געראנגל פירט זיך, צווישן שטרעבונג צו די נידריגע ערדישע גלוסטונגען און צווישן די אידישע ריינע און גייסטיגע דערהויבענעם גלויבנס מאראל. די גלוקליכע צופרידנהייט וואס די ריכטיגע תורה וועג און יראת שמים שטרעקט, איר אומגלוקליכע עלטערן, שוואכע כאראקטער, האט דאס מיט אייערע לייכטזוניקייט בארויבט פון אייערע אומשולדיגע קינדער.

לויט די רייד פון אונזערע הייליגע חכמים זכרונם לברכה, מערסטנס די פרויען וואס שטארבן ביים קינדער האבן אין די קינפעט, איז, ווייל זיי האבן נישט שטרענג און מיט געטריישאפט אפגעהיטן די געהויבענע און גאר גאר הארבע טהרת משפחה געבאטן

די אלע זאכן שטייענדיג פאר די אויגן און פון די אויסגערעכנטע פאקטן דער שוידערט: די אלע וואס ביז יעצט האבן זיי אפשר נאך נישט אפגעהיטן אדער נישט פונקטליך אויסגעפאלגט לויט אלע איינצלהייטן אונזער הייליגע טהרת משפחה געבאטן, זאלן זיי רעכטצייטיג נעמען צום הארצן און מיט זעעלישע געבראכנקייט זאלן זיי צוריק קערן און צוריק קומען

## אריינפיר צו הלכות נדה

צו אונזערע באלעבונגם קוואל, צו אונזער ג־טליכע באלערנונג. זיי זאלן פארלאזן זייערע שטרויכלענדיגע און זינדיגע אויפפירונג, און זיך אויפהייבן פון די אוממאראלישע פארגיפטעטע גרונד טיפענישן, צו די געלייטערטע מאראלישע העכערקייט, ביז ווי לאנג זיי האבן נאך נישט געשפעטיגט, און ביז ווי לאנג אין זייערע קרעפטיגע לעבנס יאהרן קענען זיי דאס נאך פארריכטן און פארגוטיגן, זייערע גאר שרעקליכע זינדן.

זיי זאלן נישט ווערן צוריק געהאלטן דורך מינדער האלטנדיג זיך, אדער, צו האבן אקעגן זיך זעלבסט אומגלויבליכקייט, אז עס איז שוין נאך אלעם, און אז עס איז שוין אומזיסט! — זיי קענען שוין מער נישט פאררעכטן זייערע זינדן!!! געוואלדיג פאלטש און גאר א גרייזיגע אויפפאסונג אזוינס צו קלערן! דער דערבארעמדיגער באשעפער, צו די אלע וואס קערן זיך צוריק צו איהם, וואס טוהען תשובה, נעמט ער זיי אין זיין שוץ, גערן נעמט ער אן, זיינע פאר־בלאנזשעטע קינדערס צוריקקערן, אז מיט זייערע פאר־ראכטענעם לעבנס שטייגער פון אצינד, און מיט זייערע אויסגעלייטערטע טאהטן אין דער צוקונפט, זאלן זיי פאררעכטן און פארגוטיגן אויך די פארגאנגענהייט. אז זיי זאלן אזוי ארום עררייכן זיין פארגעבונג צוליב זיין גרוים געגנאדע. זאל זיי נישט צוריק האלטן די פאלטשע שעמעוודיגקייט און די שרעק פון ארומיגע שפעטלערס, נור מיט אנ׳אויפגעהויבענעם קאפף, מיט פרייד און

## אריינפיר צו הלכות נדה

גלוקליכקייט זאלן זיי צוריק קערן צו אונזערע געליבטע תורה ומצוות און אירע איינגענעהמענע אויפהייבענדיגע פירונגג״.

אידישע פאהר פאלק! — מאן און פרוי — איר זאלט אייך קיינמאל נישט פארגעסן, אדער טאקע קיינמאל פון די גרויסע און פארכטיגע ג־טליכע געבאט! אויב עס עקזעסטירט נאך אין ענקער וועליש־הארץ איין פונק פון גלויבן און ג־טס פארכטיגקייט, דערוועקט אייך! נעהמט צוזאמען אייערע קרעפטן! אז איר זאלט קענען מיט א אינערליכן געפיהל אפהיטן די הייליגע טהרת משפחה געבאט. דער איינציגער באשעפער, דער דערבארעמדיגער פאטער, וואס האט אונז געגעבן זיין דערהויבענע און הייליגע תורה, וועט אייך דערפאר בענטשן מיט גוט און גליקליך לעבן און לאנגע יאהרן: ער וועט בענטשן אייך, און וועט בענטשן אויך אייערע צוקימפטיגע דורות . . .

בס"ד

# נדה

דער געבאט פון אונזער הייליגע תורה צו האלטן די „נדה" פארשריפטן, איז פארבונדן מיט דעם הארבן שטראף: „כרת" (זעה אריינפיר), פאר די וואס טרעטן איהם איבער — סיי דער מאן און סיי די פרוי — אהן אונטערשייד, צי זי איז פארהייראט צי נישט פארהייראט.

אין דאזיגן ספר ווערן באשריבן, נור אין קורצן, די פארשריפטן וועלכע דארפן אויסגעפירט ווערן צווישן דעם מאן און זיין ווייב, ביי זייער געמיינזאמן פאמילי־ען־לעבן.

◆

## פרק א'

**בלוט באמערקונג.**

א. א פרוי, אז זי באמערקט בלוט פון איר בלוט־קוואל, סיי אין די צייט פון איר מאנאטליכע בלוטונג (פעריאד, וסת), אדער אין סיי־וועלכע אנדערע צייט, (און אויך ווען זי איז שוואנגער, אדער א זייגערין, אדער אנ'עלטערע פרוי), אהן קיין אונטערשייד נישט, וואס עס האט פאראורזאכט די בלוטונג, איז זי א נדה!

(סעפארירטע). און פון דער דאזיגער צייט, איז זי פארבאטן צו איר מאן, און זיי ביידע זענען געבאטן אפצוהיטן די דערווייטערונגס־פארשריפטן, וועלכע זענען באשריבן אין פרק ח. די דערווייטערונגען באגינען, פון דעם מאמענט וואס זי איז געווארן א נדה, און ציהען זיך אזוי, ביז עס גייען פאריבער די בלוטונגס־טעג, און נאכן אפציאונג אין ריינקייט (הפסק טהרה) די ריינע־טעג ציילונג, און דאס טובל'ן (אינטערטונקען) זיך אין א כשר'ע מקוה. זעה ווייטער די ערקלערונגען.

ב. עס איז קיין אונטערשייד, צי זי האט באמערקט דאס בלוט ווי געוועגליך, דורכן פיהלן אז עס האט זיך געעפנט איר בלוט־קוואל, אדער דורך אנ'אנדער־סארט פילונג, צי גאר אהן א שום קערפערליכע פילונג, אדער זי האט זיך אונטערזוכט און אויף דעם אונטערזוכונגס־טיכעלע (פון לייוונט) האט זי געפינען בלוט, אפילו די מינדסטע טראפן, איז זי דערפאר א נדה. און אויך, אז זי געפינט א פלעק (כתם) אויף אירע קליידער, אונטערוועש, בעטצייג און ליילעכער, און אזוי ווייטער, (זעה פונקט ד'), איז זי דאדורך א נדה.

## די פארב פון בלוט

ג. כאטש דאס בלוט וואס זי האט באמערקט איז נישט געווענליך־רויט, נור עס איז רויטליך אדער שווארצליך, איז זי א פאלשטענדיגע נדה. אבער, אויב עס איז איר גאנץ־זיכער דאס די פארב (קאליר) פון דעם איז וויים, דעמאלס איז זי א ר י י נ ע. ווען אבער, אויב עס איז עהנליך צו כאטש וועלכן אנדערע פארב, אדער זי האט געפינען אויפן אונטערזוכונגס־

טיבעלע אזוי ווי שטיקלעך האר, צי ווי שטיקלעך זאמד, אדער אנדערש־פארמדיגע שטיקלעך, מוז דאס געוויזן ווערן פאר א פארלעסליכן רב; שאלה (פראגע), צו ענטשיידן צי איז זי א נדה, אדער נישט. אויב עס איז א צווייפל צי דאס בלוט שטאמט פון איר בלוט־קוואל, צי גאר פון ערגעץ אנ׳אנדער פלאץ, (צום ביי־שפיל, זי האט א בלוטיקדיגן וואונד אדער דאס גלייבע), אדער זי געפינט בלוט אין איר וואסער (יורינע), דארף מען אומבאדינגט פרעגן דערויף א שאלה ביי א פאר־לעסליכן רב.

## ביים טרעפן א פלעק (כתם).

ד. א פרוי וואס געפינט א רויטליכן, שווארצליכן, ברוינליכן, אדער טונקל־געלבליכן פלעק — אין כאטש וועלכער צייט און ווי קליין ער זאל זיין — אויף איר קערפער אין די געגנט פון נאפל און נידריגער, אויף אירע קליידער צי אונטערוועש, אדער זי האט געפינען אויף די קישנס און צודעק, צי אויף דעם ליילעך כאטש וועלכן פלאץ, (אפילו זי האט זיך זאפארט אונטערזוכט און געטראפן דעם אונטערזוכונגס טיבעלע ריין), דארף זי וואס פריער זיך ווענדן צום רב מיט א שאלה.

## ביים פיהלן די עפנונג פון בלוט־קוואל.

ה. א פרוי, אז זי פיהלט אין איר בלוט־קוואל, עהנליך ווי זי פיהלט געוועהנליך ביים אנפאנג פון איר מאנאטליכע בלוטונג, דארף זי זיך זאפארט גרונדליך אונטערזוכן מיט א ווייך ווייס און ריין שטיקל לייוונט

טיכעלע, און זי דארף דאס אריינפירן אזוי טיעף ווי ווייט מעגליך, און דאס באוועגן מיט אירע פינגער אין אלע זייטן, ווינקעלעך און פאלדן, און אויב זי טרעפט דערויף דעם מינדסטן פלעק וואס עהנדלט צו רויט אדער שווארץ, איז זי א פאלשטענדיגע נדה. האט זי אבער געטראפן אויף דעם טיכעלע אנ׳אנדערע פארב (קאליר), אדער זי האט זיך נישט באלד אונטערזוכט — אין ביידע פאלן — דארף זי זיך ווענדן צום רב מיט א שאלה. האט זי געפינען אויף דעם טיכעלע א גענצליך ווייסן אויספלוס, איז זי א ריינע. אבער ווען זי האט אויף דעם טיכעלע גאר נישט געטראפן איז זי א נדה! אבער אין דעם פאל, איז ראטזאם זי זאל פרעגן ביי א רב א שאלה, איבערהויבט, די פרויען וועלכע לײדן פון ווייס־אויספלוס, אדער זי באמערקט אויף דעם טיכעלע, אזוי ווי הארלעך אדער זאמדלעך און דאס גלייכע, אויף וועלכע מ׳דארף סיי־ווי פרעגן א שאלה, ווי שוין פריער דערמאנט. אבער, ביי א פרוי, נאך די דריי מאנאטן פון איר פארשוואנגערן, צי א זייגענדיגע פרוי, וואס האט דערפיהלט ווי אויבנדערמאנט, און זי האט זיך אונטערזוכט און גאר נישט געטראפן אויף דעם בדיקה טיכעלע, איז זי א ריינע.

ו. יעדע פרוי וואס האט מיט געמאכט אינערליך אנ׳ערצטליכע (דאקטער) אונטערזוכונג, ביי וועלכער, דער דאקטער האט אריינגלייגט אנ׳אינסטרומענט אין איר טראכט, (די פרוי וואס גייט מאכן אזא ערצטליכע אונטערזוכונג, זאל זיך צוגרייטן א לייוונט טיכעלע, זי זאל זיך באלד נאכן דאקטערס אונטערזוכונג, זעלבסט

אונטערזוכן, און אויך, אז זי האט זיך געפינען ריין, דעסטוועגן) מוז זי זיך ווענדן צום רב מיט א שאלה. אויב מעגליך איז, זאל זי אויך בעקוקן (טשעקן) די אינסטרומענטן. (עס איז ראטזאם, אויב א פרוי דארף אזא ערצטליכע אונטערזוכונג, זאל מען דאס מאכן ביים ענדע פון איר בלוטונגס־טעג, איידער זי מאכט איר „אפציאונג אין ריינקייט").

## בלוטונג ביים דערנעהנטערונג.

ז. אויב א פרוי פיהלט, חלילה, א בלוטונג אין דער צייט וואס דער מאן איז ביי איר, מוז זי זאפארט ביים דערפיהלן דאס, צו מעלדן פאר איר מאן, ער זאל קענען אזוי־ארום זיך אויפפירן, ביים אפשיידן זיך פון איר, אזוי ווי עס איז פארגעשריבן (אין שלחן ערוך „יורה דעה" סימן קפ"ה) פאר אזא פאל. ביי אזא פאל, און אויך, אויב זי האט געבלוטעט באלד נאך די פארקערה, מוז דער מאן דרינגענד באראטן זיך מיט א רב, ווייל דאס איז גאר א הארבער פראבלעם, וועלכער עס קען ציעהן נאך־זיך ערנסטע קאנסעקווענצן אין זייערע פאמיליען לעבן. און דאס צו פארמיידן, זאל מען זיך ווענדן צום רב וואס פריער. (אבער אנדערש־איז ביים ערשטן דערנעהנטערן פון דער פרוי, נאך אירע מיידל יאהרן, זעה פרק ו. פונקט ט.).

ז(א). א פרוי וואס האט געזאגט איר מאן דאס זי איז א נדה, און שפעטער האט זי דאס צוריקגעצויגן, און געזאגט, אז זי איז א ריינע, אזוי אויך, אויב זי האט זיך אנגעטאן איר ספעציעלן נדה־טראג,

(כאטש זי האט געוואוסט אז זי איז א ריינע, נור זי האט געוואלט דער־מיט טרייבן א שפאס, אדער, וועגן אנ׳אנדערע אורזאך), ווערט זי באטראכט ווי א נדה, און זי איז פארבאטן צו איר מאן, ביז זיי וועלן די זאך קלאר מאכן ביי א רב, ווייל ביי אזא אנגעלעגנהייט, איז דא פיעל דינים און קאמפליצירטע.

♦

# אויפמערקזאמקייט!

א פרוי, אויב עס איז איר נישט קלאר עפעס אני׳איינצלהייט וואס איז דערמאנט אין דעם דאזיגן ספריל, צי אין א זאך, וואס איז געגצליך נישט דערוועהנט אין דעם ספריל, דארף זי — אדער איר מאן — זיך ווענדן מיט יעדער פראגע (שאלה) צו א פארלעסליכן ארטאדאקסישן רב.

און אויך, אין אלע נדה אנגעלעגנהייטן זאל א פרוי נישט פרעגן, און געוויס נישט פארלאזן זיך, אויף א צווייטע פרוי צי א חברי׳טארן. אויך אזא שאלה (פראגע), וואס זי האט שוין איינמאל געפרעגט און בעקומען אנ׳ענטפער, זאל זי זיך א צווייט־מאל נישט פארלאזן דערויף, נור זי זאל ביי יעדע פארגעקומענע שאלה, יעדעסמאל, ווידער פרעגן דעם רב. אויסער, אז דער רב האט איר קלאר געזאגט, אז אלעמאל איז ביי אזא פאל, דער באשייד (פסק) דער

זעלבער, וויזוי ער האט איר שוין איינמאל געזאגט.

אין פאל די פרוי צווייפלט, צי זי איז א נדה צי נישט, דעמאלס, ביז זי ווייסט נישט איר באשייד דורך א רב, מוזן זיי ביידע — די פרוי און איר מאן — איינהאלטן די אלע דערווייטערונגיס פארשריפטן ווי אזוי דאס איז באשריבן אין פרק ח.

♦

## פרק ב׳

# הפסק טהרה — לבישת ליבון

## אפציהען אין ריינקייט — ווייסע וועש אנטוהן צום אנפאנג פון די ריינע טעג

### ווען קען זי אפציהען אין ריינקייט.

**א.** א פרוי וואס איז געווארן א נדה, סיי ווייל זי האט בעקומען איר מאנאטליכע בלוטונג, אדער, ווייל זי האט עפעס באמערקט אויף די אונטערזוכונגס טיכעלע (בדיקה), צי ווייל זי האט געטראפן א פלעק (כתם, פרק א, פונקט ד), אדער דורך סיי־וואס פאר אנ׳אנדערע אורזאך, דארף זיווארטן פינף (5) טעג ביז צום מאכן די „אפציהען אין ריינקייט״ (הפסק טהרה, דאס מיינט: די אונטערזוכונג וואס זי מאכט נאהנט בעפאר זון־אונטערגאנג (שקיעה) דעם פינפטן טאג פון ווען זי איז געווארן א ׳נדה׳, אדער אין א שפעטערדיקן טאג, אויב די בלוטונג האט ביז דעמאלס נאך נישט אויפגעהערט). אין די דאזיגע פינף טעג איז קיין שום צוועק נישט באדערן זיך מיט אונטער־זוכונגען, ווייל אפילו אויב זי האט נישט געפונען מעהר ווי איין טראפן בלוט, און נישט מעהר, דארף זי ווארטן די דאזיגע פינף טעג. למשל (צום ביישפיל),

אויב זי איז געווארן א נדה מוצאי שבת קודש (דאס הייסט שוין זונטאג, ווייל, לויט די תורה־פארשריפטן, ווערט די נאכט פאררעכנט צום מארגענדיגן טאג, און נישט צום פארגאנגענעם טאג) אדער זונטאג בייטאג, ביז ווי לאנג עס איז נאך טאג, דעמאלס, אין דעם קומענ־דיגן פינפטן טאג, דאס הייסט; לויט אונזער משל קען זי דאנערשטאג פארנאכט, מאכן די הפסק טהרה (אפציאונג) און אנטוהן ווייסע וועש, אויב די בלוטונג האט שוין אויפגעהערט.

ב. אויב זי האט זיך אונטערזוכט אין דעם פינפטן טאג פארנאכט און זי איז נאך נישט ריין, זאל זי אפלייגן די אפציאונג אוןווארטן ביז צום טאג, וואס זי וועט זיין גענצליך ריין. ביים מינדסטע צווייפל וועגן פארב (קאליר), וואס האט זיך געצייגט אויף די בדיקה טיכעלע, דארף דאס געוויזן ווערן פאר א רב, (אויב אין דעם זעלבן טאג, איז איר נישט מעגליך ווענדן זיך צו א רב, זאל זי האנדלען ווי אין פרק ג. פונקט ז), אדער אפלייגן איר אפציאונג, ביז צום טאג וואס זי וועט זיין גענצליך ריין, ווי שוין פריער דערמאנט.

## די צייט און דער צוגאנג פון די אונטערזוכונג (בדיקה).

ג. די דאזיגע אונטערזוכונג ביים אפציאונג, פאדערט אויסערגעוועהנליכע פארזיכטיגקייט און אייסערסטע אויפמערקזאמקייט, ווייל די דאזיגע בדיקה איז ענטשיידענד און די וויכטיגסטע, און אויב דאס

איז נישט ריכטיג געמאכט, איז די ווייטערדיגע צעה־לונג גארנישט ווערט. און זי מוז נאכאמאל מאכן די אפציאונג און אנהויבן אויפסניי ציילן די ריינע טעג. די בדיקה דארף געמאכט ווערן נאהנט בעפאר זון אונטערגאנג (שקיעה), די צייט פון שקיעה קען זי וויסן לויט די צייט פון ליכט צינדן ערב שבת פון דער וואך, (ווייל מיט וויפיל מינוט פריער פאר די שקיעה איז די צייט פון ליכט צינדן, מיט אזויפיל מינוט שפעטער איז די צייט פון שקיעה). אבער ערב שבת אדער ערב יום טוב מוז זי אכט־געבן צו מאכן די אפציאונג בעפאר ליכט צינדן. אבער, אויב זי האט פארגעסן, אדער, אויב זי האט יא געמאכט, נור די בדיקה האט נאך נישט באוויזן אז זי מעג אנפאנגען ציילן די ריינע טעג, מעג זי נאכן ליכט צינדן מאכן די אפציאונג לויט די שבת'דיגע פארשריפטן, אבער נור ביז צו די ערלויבטע צייט (זעה ווייטער פונקטן ה. ו. ז.).

ד. דער צוגאנג פון די בריקה איז פאלגענר: די פרוי זאל צוגרייטן א גענוצליך ווייס שטיקל לייוונט (פון לינען אדער קאטן, 3X3 אינטשעס, צי 8X8 ס״מ אדער — לויט מעניגע, — אביסעלע גרעסער), דאס שטיקל לייוונט „בדיקה טיכעלע" זאל זיין א געוואשנס און פאלשטענדיג ריין, עס זאל נישט זיין דיק, הארט אדער רייבעדיג, ווי דאס איז געווענליך נייערהייט, נור שוין א געניצטע: ווייך און פיין און זויבער אויסגעוואשן. זי זאל צו רעם צוועק נישט נוצן קיין שום אנדערע זאך!!! סיידן, זי האט געפרעגט א שאלה ביי א

רב. (בעפאר יעדער בדיקה, זאל זי דאס טיכעלע גוט נאך־זעהן, צי דאס איז גענצליך זויבער).

בעפאר די בדיקה זאל זי אפוואשן איר אונטערשטן טייל פון קערפער מיטווארעם וואסער, זי זאל טוישן אירע פריערינע אונטערוועש און אנטוהן אנדערע, זויבערע און גענצליך ווייסע. עס איז געוואונטשן אז ביי די בדיקה זאל זי ארויף שטעלן איין פוס אויף א נידריג בענקעלע און אזוי שטייענדיג זאל זי די בדיקה טיכעלע — ארויף געוויקלט אויף איר פינגער — אריין פיהרן טיעף אין קערפער און זיך אונטערזוכן אויף אלע זייטן „לחורים ולסדקים" ווינקלען און פאלדן, אזוי טיעף ווי עס איז איר נור מעגליך, מיט איר פינגער צו דערגרייכן. (עס איז ריכטיגער, דאס טיכעלע ארויס נעמען און דאס גוט אונטערזוכן, און אריין פיהרן א צווייטע טיכעלע), אויב נור מעגליך איז, דארף זי לאזן דאס טיכעלע אין קערפער ביז צום שטערן־אויסגאנג (ווען עס איז שוין געווים נאכט), און אויב עס איז איר דאס שווער צו דולדן אזא לאנגע צייט, מעג זי איהם ארויסנעמען (אבער דאס איז נור, אויב זי האט אין דעם טאג נישט געהאט קיין בלוטונג, זעה פונקט ה.) און איהם גוט אונטערזוכן. אויב זי האט אויסגעפונען אז דאס טיכעלע איז נישט גענצליך ריין־ווייס, איז זי נאך נישט ריין. ביי מינדסטע עפעס־וואס פאר א פארב (קאליר), דארף זי פרעגן א שאלה ביי א רב. אבער, אויב דאס טיכעלע איז גענצליך ריין־ווייס, קען זי אנהויבן צו ציילן די ריינע טעג. אין דעם פאל ווען דאס טיכעלע איז נישט פארבליבן

אין איר קערפּער ביז נאכט, איז געוואונטשן, זי זאָל מינדסטן פּיפצן מינוט בעפאר שטערן־אויסגאנג אריינפירן אַנ׳אנדערע טיכעלע, און דאס האלטן דארט ביז נאכט, נאכדעם זאָל זי דאס ארויס נעמען און גוט אונטערזוכן, צי עס איז געגצליך זויבער, און דאס פארזיכטיג בעהאלטן ביז מארגן אינדערפרי, און דעמאָלס איהם ווידער אונטערזוכן ביים טאג־ליכט.

ביינאכט נאך די אפּציאונג — אויב זי האט אויסגעפינען דאס זי איז געגצליך ריין — זאָל זי אויסשפרייטן אויף איר בעט א ווייס זויבער לײלעך, אויך די ציכן פון די בעט־געוואנד זאָל זי טוישן אויף ריינע און ווייסע, און אזוי אויך, ווערענד די אלע ריינע טעג, טאר זי זיך נישט באנוצן מיט נישט ווייסע בעטציוג, אדער מיט נישט ווייסע אונטערוועש.

**אויב אין דעם טאג, איז נאך געווען בלוטונג.**

ה. אויב א פרוי ווייסט זיכער, אדער זי איז איבערצייגט, אז אין דעם טאג וואס זי רעכנט צו מאכן די אפּציאונג, האט זי געהאט בלוטונג, איז די אונטערזוכונג נור דעמאָלס גילטיג, אויב זי האט געהאלטן די בדיקה טיכעלע אין איר קערפּער פון דער צייט פון דער בדיקה, ביז עס איז זיכער נאכט. אבער, אויב זי קען דאס נישט האלטן דארטן ביז צום שטערן־אויסגאנג, מוז זי אפּלייגן די אפּציאונג אויף צו מארגנס. (ביי אזא פאל, איז ראטזאם זיך דורך רעדן מיט א רב).

ו. די אפציאונגס־אונטערזוכונג טאר נישט פאר־קומען א סאך פריער פון פארנאכט, און געווים, אז נישט שפעט. מיר האבן שוין דייטליך דערקלערט, אז די ריכטיגסטע צייט צו דער אונטערזוכונג, איז אביסעלע בעפאר דער זון־אונטערגאנג (שקיעה), און אויב די פרוי האט געשפעטיגט ביז עפעס אביסל נאכן זון־אונטערגאנג (און (אין) דער צייט איז נאך דרויסן גוט ליכטיג), זאל זי זיך זאפארט אונטערזוכן, און זי זאל געננוי פעסטשטעלן די פונקטליכע צייט (אויף דער זייגער) ווען זי האט זיך אונטערזוכט, און דערנאך פרעגן א רב, צי איר אונטערזוכונג איז גילטיג. אבער, אויב זי האט די מינדסטע פארדאכט צי עס הייבט אן טונקל ווערן, מוז זי די גאנצע אפציאונג אפלייגן אויף צו מארגנס, צו דער ריכטיגע צייט. (און דאס זעלבע, לויט די מעניגע, וואס האלטן אז די אפציאונגס־אונטערזוכונג, מוז זיך אנפאנגען אויסשליסליך פון בעפאר די שקיעה, און זיך איבערצייגט, אז זי איז שוין דעמאלס געווען ריין).

**אפציאונג אום שבת.**

ז. אויב דער טאג (דער פינפטער אדער שפעטער) וואס זי קען מאכן איר אפציאונג פאלט אום שבת, איז דאס אפהענגיק, אין די אנגענומענע פירונג פון איר וואוין־ארט. אין די ערטער, וואס מען מאכט יא די אפציאונג אום שבת, און אזוי־אויך, אויב די אפציאונג געפאלט אום יום טוב, איז אבער פארט פארבאטן אנווארעמען וואסער צו דעם צוועק, אפילו דורך א נישט־איד. אויך איז פארבאטן ביים אונטערוואשן זיך

באנוצן זיך מיט א וואש־טוך אדער מיט סיי וועלכעס קלייד־שטיק און דאס גלייכע, און אויך נישט מיט זייף. זי מעג זיך אבער אנגרייטןווארעם וואסער פון ערב שבת אדער פון ערב יום טוב צו דעם צוועק, און ארום וואשן זיך מיט די בלויזע הענט, נור די קערפער־טייל, וואס מוז זיין ריין צום בדיקה, און צווישן די דיכטן. אויב מען האט נישט קיין ווארעם וואסער, מעגמען די אפציאונג מאכן, אויך מיט קאלט וואסער. (אום יום טוב, אויב עס איז איר נויטיג ווארעם וואסער זאל זי אויף דעם פרעגן א שאלה פון א רב). אבער אין די ערטער, וואס איז איינגעפירט אז מען מאכט איבער־הויבט נישט אפציאונג אום שבת, זאל זי אפלייגן די אפציאונג אויף צו מארגנס.

♦

**באמערקונג.**

מ'זאל זיך נישט אונטערוואשן בעפאר קיין שום בדיקה, נור בעפאר די אפציאונג.

## פרק ג׳

# ז׳ נקיים

## זיבן ריינע טעג

**דער אנהויב פון די זיבן ריינע טעג.**

א. אויב די אפציאונגס־אונטערזוכונג, האט באוויזן אז זי איז גענצליך ריין, פאנגט זי שוין אן צו ציילן די זיבן ריינע טעג, די נאכט (נאכן אפציאונג) און דער מארגנדיגער טאג, ווערט גערעכנט אלס דער ערשטער טאג פון אירע ריינע טעג. צום ביישפיל, אויב איר אפציהען איז פארגעקומען: זונטאג פארנאכט, דעמאלס איז דער מארגענדיגער טאג; מאנטאג, דער ערשטער טאג פון די זיבן ריינע טעג, און אין דער קומענדיגער וואך, זונטאג ביינאכט, ענדיגן זיך די זיבן ריינע טעג, און דעמאלס קען זי זיך טובל׳ן אין מקוה, און נישט פריער.

**קלאהר און דייטליך:** אין וועלכן טאג פארנאכט, וואס די פרוי האט געמאכט די אפציאונג, מיט א וואך שפעטער אין דעם זעלבן טאג פארנאכט, דארף זי גיין אין מקוה טובלין זיך ביינאכט. זעלבס־פארשטענדליך, אז דאס אלעם איז נור מיט דעם באדינג, אויב די גאנצע זיבן ריינע טעג זענען אדורך, ריין, אהן מינדסטע בלוטונג, אדער פלעקונג, זעה אויך ווייטער.

ב. צומארגנס פון די אפציאונג — וואס דאס איז דער ערשטער טאג פון איר זיבן ריינע טעג — דארף זי זיך אונטערזוכן אינדערפרי, ווען עס איז שוין פאלשטענדיג טאג, און אויך, פארנאכט, ווען עס איז נאך פאלשטענדיג טאג. א זאלכע צוויי טעגליכע אונ־טערזוכונגען — אינדערפרי און פארנאכט — איז זי פאר־פליכטעט אין די אלע זיבן ריינע טעג. אויך אירע ווייס־וועש דארף זי אונטערזוכן יעדן צופרי און פאר־נאכט, צי עס איז נישט פארהאן עפעס א פלעק אויף זיי.

## די אונטערזוכונגען אין די ריינע טעג.

ג. די פרוי זאל זיין זעהר פארזיכטיג נישט צו פארגעסן צו מאכן די צוויי טעגליכע אונטערזוכונגען, א יעדן טאג פון די זיבן ריינע טעג. דעם ערשטן טאג פון די זיבן ריינע טעג, זאל זי אריינלייגן די בדיקה טיכעלע טיעף אין קערפער ווי איר נור מעגליך איז, און דאס באוועגן אין אלע מעגליכע זייטן „לחורים ולסדקים" אין אלע ווינקלען און פאלדן (און זי קען דאס באלד ארויסנעמען און באקוקן), אבער אין די אנדערע טעג, אויב די גאנץ טיעפע בדיקה קומט איר אן שווער, איז גענוג אז זי לייגט אריין די בדיקה טיכעלע גלייך, אזוי טיעף ווי עס איז איר מעגליך, און זי מוז עס נישט באוועגן ארום און ארום.

**ווארנונג!** מיר מוזן אויפמערקזאם מאכן אויף א גרויסן און זעהר הארבן טעות (אירטום), ווי פאלגענד:

ביי יעדע אונטערזוכונג, מוז מען אומבאדינגט אריינ־
פיהרן די ווייכע, ריינע, בדיקה טיכעלע טיעף אין
קערפער, אבער בלויז אפווישן זיך האט גאר קיין ווערט
נישט, און ס׳איז נישט גילטיג!

(מ׳זאל נישט מאכן קיין אונטערזוכונגען ליגענדיג
אויפן רוקן).

ד. אויב דורך עפעס א אומפארמיידליכע אורזאך
האט די פרוי אין די ריינע טעג די פארשריפטליכע
אונטערזוכונג איינמאל אדער מערערע מאל פארפעלט,
דעמאלס, איז דאס אפהענגיג אין דעם: אויב, אויסער
די אונטערזוכונג וואס זי האט געמאכט ביים אפציאונג,
האט זי אין דעם קומענדיגן טאג — דאס הייסט, אין
ערשטן טאג פון איר צעהלונג — מינדעסטן זיך איינמאל
גוט אונטערזוכט, און דאס זעלבע אויך, אין דעם זיבעטן
טאג פון איר צעהלונג, דעמאלס — אויב ס׳איז שוין
אזוי געשעהן — האבן די זיבן ריינע טעג נישט
פארלוירן זייערע ווערט, און זענען גילטיג, און זי קען
גיין צו טבילה. אויב אבער, ווען זי האט אין דעם
ערשטן טאג איבערהויבט זיך נישט אונטערזוכט,
דעמאלס, האבן די ביז איצטיגע געציילטע טעג פאר־
לוירן זייערע ווערט, און ערשט נאך א נייעם גרונדליכן
אונטערזוכונג קען זי אנפאנגען פון דאסניי צו צעהלן
זיבן ריינע טעג. און ווען עס איז איר זיכער, אז
זייט די אפציאונג האט זי קיין מינדסטע בלוטונג,
און אויך קיין פלעק נישט געהאט, קען זי דעם טאג
פון די איצטיגן אונטערזוכונג, רעכנען אלס ערשטער
טאג פון די נייע זיבן ריינע טעג.

דאס אלעם איז אבער נור, אויב, אז מיט דעם נישט אונטערזוכן, האט זי נישט באשלאסן אויפהערן איר ווייטערע צעהלונג, האט זי אבער באשלאסן אפצוהאקן די צעהלונג, ווענן כאטש פאר א אורזאך, מוז מען אנבאדינג פרעגן א שאלה ביים רב. און אויב זי האט זיך נור אין דעם ערשטן טאג אונטערזובט, און אין דעם זיבעטן טאג נישט, דעמאלס קען זי צו טבילה נישט גיין, און זי מוז פון דאסניי צו צעהלן זיבן ריינע טעג.

## אויב זי געפינט זיך אומריין אין די זיבן ריינע טעג.

ה. אויב אין סיי וועלכן טאג פון די זיבן ריינע טעג, האט זי אויסגעפינען אז זי איז נישט ריין, צי דורך אנ׳אונטערזוכונג, אדער, ווייל זי האט געפונען א פלעק (זעה ווייטער פונקט ז׳), זענען די פריער געציילטע טעג נישט גילטיג, און זי מוז מאכן אויפסניי די אפציאונג, אפהיטענדיג אלע איינצלהייטן; ווי דאס ארומוואשן זיך, אונטערזוכן, און אנטוהן ריינע ווייסע וועש (זעה פרק ב׳ פונקטן ג׳ ד׳), וואס דאס קען נאך געשעהן אין דעם זעלבן טאג פארנאכט, און אז ביים אונטערזוכן האט זי זיך געפונען געגצליך ריין, פאנגט זי אן צו צעהלן נייע זיבן ריינע טעג; די נאכט און דער מארגענדיגער טאג, איז דער ערשטער טאג. איז אלזא קלאר, אז אין אזא פאל, דארף זי נישט ווארטן (נאכאמאל) פינף טעג ביז צו די נייע אפציאונג.

ו. אבער, ווען אין די זיבן ריינע טעג איז פאר־

געקומען א בלוטונג, צי אפילו זי האט נור געשפירט די קוואל־עפנונג, אדער א פיהלונג פון א בלוט־פלום (זעה פרק א׳ פונקט ה׳), דעמאלס זענען אירע געציילטע טעג זאפארט אומגילטיג. ביי אזא פאל קען זי אויך מאכן אין דעם זעלבן טאג פארנאכט די נייע אפציאונג, אבער די אונטערזוכונג אין דעם פאל, איז נור דעמאלס גילטיג, אז זי שטעלט אריין דאס ווייסע און ווייכע בדיקה טיכעלע טיעף אין איר קערפער, און דאס לאזן פארבלייבן דארט, פון פארנאכט ביז צום שטערן־אויסגאנג (זעה פרק ב׳ פונקט ה׳), און אז זי טרעפט דערנאך די בדיקה טיכעלע גענצליך ריין (וואס דאס צייגט, אז זי איז שוין פון פארנאכט ריין), קען זי אנפאנגען מיט אלע פארשריפטליכע איינצלהייטן, די נייע זיבן ריינע טעג צעהלונג. די נאכט נאך די אפציאונג און דער טאג דערנאך, איז דער ערשטער טאג פון די ריינע טעג. דאס בדיקה טיכעלע זאל זי פאר־זיכטיג באהאלטן, און זי דארף דאס צו מארגנס אינדער־פרי ווידער אונטערזוכן ביים טאג־ליכט. אבער, אויב זי האט נישט געהאלטן די בדיקה טיכעלע אינווייניג פעסט אין קערפער ביז טונקל נאכט, אדער, ס׳איז איר שווער געווען דאס דארט דולדן אזוי פיעל צייט, דעמאלס, מוז זי פארשיבן די אפציאונג ביז מארגן פארנאכט, און האנדלען ווי שוין ערווענט (פרק ב׳ פונקטן ג׳ ד׳). ביי אזא פאל איז ראטזאם זיך דורך רעדן מיט א רב.

**ביים טרעפן א פלעק אין די ריינע טעג.**

ז. אויב א פרוי טרעפט אין די זיבן ריינע טעג

א פלעק (כתם) אויף איר קערפער, קליידער אדער אויף וועלכן ס'איז פון איר בעט־צייג; ווי לײלעכער, קישנס און צודעקס, זאל זי זיך ווענדן מיט א שאלה צו א רב. [און אויב זי קען נישט אין דעם זעלבן טאג פרעגן אדער ווייזן איר שאלה צום רב, און אזוי אויך, ווען זי שיקט איר שאלה (דאס מיינט: די זאך וואס אויף איהם איז דער פלעק געטראפן געווארן, צי אויף א בדיקה טיכעלע) צום רב, מיט דער פאסט, און ערשט שפעטער מיט א טאג צי צוויי וועט זי באקומען (טעלעפאניש אדער אויף אנ'אנדערן ארט) דעם ענטפער אויף איר שאלה. זאל זי נאך אין יענעם זעלבן טאג פארנאכט, מאכן אויף א תנאי (באדינג) א נייעם אפציאונג מיט א גרונדליכן אונטערזוכונג, טיעף און אין אלע ווינקלען און פאלדן, אבער ביי דעם פאל, זאל זי זיך נישט אונטערוואשן. און אויב דער רב וועט ענטפערן אז די שאלה איז נישט כשר, וועט זי רעכנען פון צו מארגנס פון די נייע אפציאונג, די נייע זיבן ריינע טעג, און אויב די ענטפער וועט זיין, אז די שאלה איז כשר, איז די ערשטע אפציאונג נאך גילטיג, און די צווייטע, איז נור ווי א געווענליכע גוטע אונטערזוכונג אין די ריינע טעג].

## ביים טראגן א טראכט־רינג.

ח. א פרוי וואס טראגט א רינג, אדער דאס גלייכע, אין איר מוטער־טראכט, דארף זי זיך דורך רעדן מיט א רב, ווי אזוי זי זאל מאכן אירע אונטער־זוכונגען, און איר טבילה.

## פרק ד׳

# די פארבערייטונגען צו די טבילה
# חפיפה

(גרונדליכע באזויבערונג)

**פארזיכטיגקייט, אין חפיפה־טאג.**

א. ביים ענדע פון די זיבן ריינע טעג, דאס הייסט: אין זיבעטן טאג פארנאכט, גרייט זיך צו, די פרוי, צום טובל׳ן זיך אין מקוה, (חפיפה).

לויפענד דעם גאנצן טאג, וואס ביינאכט וועט זי זיך טובל׳ן, זאל זי זיך צוריקהאלטן פון צו עסן פלייש, ווייל עס איז זעהער שווער צו רייניגן די ציין פון די פלייש־רעשטלעך וועלכע בלייבן שטעקן צווישן די ציין. אויב דער טאג איז: שבת אדער א יום טוב (פונקטן יא. יב.), מעג זי אין דעם טאג עסן פלייש, אבער ביי דער אויסנאם פאל, מוז זי ביינאכט בעפאר די טבילה אירע ציין גוט אויספוצן מיט ציינשטעכער, און זיי רייניגן, מיט א אויסער געווענליכע גרונדליכקייט און אויפמערקזאמקייט.

אין דעם טאג, זאל זי זיך אפהיטן פון צו קומען אין בארירונג מיט א זאלכע זאכן וואס קענען פאר־אורזאכן א חציצה (שטערונג צווישן מקוה וואסער

און קערפער) ביים טובל'ן זיך, צום ביישפיל: זי זאל אין דעם טאג נישט קנעטן און נישט פארנעמען זיך מיט טייג, צי מיט אנדערע קלעבעדיגע מאטריאלן, לכבוד שבת (צוליבן שבת) מעג זי קנעטן טייג, נור, זי מוז אבער באלד דערנאך גוט אפוואשן יעדעס פלאץ אויף איר קערפער, וואו עס האט זיך עפעס צו געקלעבט צו איר. און אזוי אויך, אויב זי האט געמוזט אדער פארגעסן און זיך באשעפטיגט מיט קלעבעדיגע זאכן, מוז זי יעדעסמאל באלד דערנאך זיך גוט אפוואשן פון זיי.

## פארבערייטונגען צו די טבילה.

ב. בעפאר די טבילה, דארף זי מאכן מיט אויפמערקזאמקייט די ווייטערע פארבערייטונגען; די נעגל פון די הענט און די פיס דארף זי אפשניידן, און אויך זיי פון אלעם זייער גוט אפרייניגן. אויב זי האט געפארבטע אדער לאקירטע (פאליש) נעגל, מוז זי די פארב, צי דעם לאק, באזייטיגן מיט אנ'אויפלעזשטאף, וועלכער לעזט אויף און נעמט דאס גענצליך ארונטער. (ווי צום ביישפיל; מיט עטהער, עצעטאן, פאליש-רעמאווער א.ד.ג.), זי זאל זיך אייניגע מאל, גוט אויסשווענקען איר מויל, און די ציין רייניגן אויך מיט ציינשטעכער (טוטה-פיק), טאמער איז געבליבן שטעקן צווישן זיי אדער אין זיי, שפייז רעשטלעך.

## די חפיפה.

ג. בעפאר די טבילה, דארף זי זיך באדן, און

גרונדליך זויבערן איר קאפּ און דעם גאנצן קערפּער, אין א וואננע מיט ריין און ווארעם וואסער. די פּארבערייטונגען צו די טבילה, וועלכע זענען דערמאנט אין פריערדיגן פּונקט, קען זי מאכן פאר׳ן באדן, אדער ביים באדן זיך אין די וואננע.

ביי דעם דאזיגן באדן זיך, זאל זי זיך אפּוואשן מיט זייף פון קאפּ ביז פיס; אויסוואשן און אויספּוצן די אויערן־פאלדן און לעכער, ווי אויך די אויער־רינג לעכלעך, די נאז לעכער, אונטער די ארמבויגנס, דעם נאפּל־גריבל, אלע קערפּערליכע פאלדן, קנייטשן, פאר־בארגענע פּלעצער און טיפעניש׳ן, ביז דער קערפּער וועט זיין גענצליך ריין, אהן מינדסטע שמוץ און אהן שום „חציצה״ (שטערונג צווישן קערפּער און מקוה וואסער), אבער די האר פון קאפּ, ווי אויך ביי יעדע האר־זאמלונג פון איר קערפּער, איז נאך נישט גענוג בלויז דאס גוט אפּ־וואשן זיי, נור זיי מוזן אויך, נאסערהייט, לאנגזאם אויס־געקעמט ווערן, און מיט אויסערגעוועהנליכע פארזיכטיגקייט צונימען ווערן, אז זיי זאלן נישט זיין פארפּלאנטערט און נישט בלייבן איין־איינציגע האר פארקניפּט, אדער צוגעקלעבט איינע צו די צווייטע.

דאס אלעם — די חפיפה — מוז געמאכט ווערן אויסדריקלעך מיט ווארעם וואסער, מיט קאלט וואסער טאר מען די חפיפה נישט מאכן, און עס איז איבערהויבט נישט גילטיג.

## קונסטליכע ציין, פלאסטער און באנדאזש באזייטיגונגען.

ד. קונסטליכע ציין און געביסן, וואס מ'קען זיי ארויס נעמען נישט אנקומענדיג צו א ציין דאקטער (דענטיסט), מוזן אומבעדינגט ארויסגענימען ווערן בעפאר די טבילה. אבער די שטאבילע (פערמאנענטע) קונסטליכע ציינער, צי פלאמבעס (פילינגען), זענען נישט קיין חציצה. ביי א פראוויזארישע (צייטווייליגע) פלאמבע, אדער אז זי האט ברעסעז (Braces) אויף די ציין, דארף זי פרעגן א שאלה ביי א רב.

אלערליי פלאסטערס; באנדאזשן, קלעפטעיפס, מיט די זאלב (היילונגס מיטלען), מוזן באזייטיגט ווערן, און מ'מוז גוט אפרייניגן דאס פלאץ וואו זיי זענען געווען. אויער־רינגלעך, פינגער־לעך, רינגלעך, ארמבאנד (ברעסלעטס), האלזקייטלעך און סיי־וואס אנדערס אויפן קערפער, מוזן באזייטיגט ווערן, נאך פארן באדן זיך אין די וואנע. (אזוי אויך, דארפמען באזייטיגן די קאנטעקט־לענסעס פון די אויגן, און קונסטליכע אויגן־ברעמען, און האר־שפיצן).

## שיילעכדיגע, אדער פארהארטעוועטע הויט.

ה. א פרווי וואס איר הויט שיילט זיך, אדער עס איז איר פארבליבן פארהארטעוועטע הייטלעך פון וואונדן, און אפילו נאכן ווייקן שמערצט איר דאס ארונטער־נעמען, אזוי אויך, אויב זי האט קאליעדיגע, וואקלדיגע אדער קונסטליכע נעגל, אדער אז לויט

ערצטליכע (דאקטער) פאראָרדענונג, טראגט זי וואטע אין די אויערן, אדער, אויב עס איז איר געבליבן אריינגעשטעקט א דארן, שפּליטער (ספּלינטער), אין סיי וועלכער טייל פון איר קערפּער, מיט איין ווארט; ווען עס איז צוגעקלעבט אדער באהאַפטן, סיי וואו אויף איר קערפּער — צי אויפן קאפּ, צי אויף איר האר — אזוינס וואס מאכט א „חציצה", און עס איז איר שווער דאס ארונטער צו נעמען, ביי די אלע פאלן, דארף זי פרעגן א שאלהביים רב.

## די צייט פון מאכן די „חפיפה".

ו. דאס אפּבאדן זיך אין די וואננע, דארף זי אנפאנגען בעפאר עס פאלט צו די נאכט, ווען עס איז נאך ליכטיג. זי דארף זיך פארנעמען מיטן אפּוואשן און זויבערן זיך, מיטן אפּשניידן די נעגל און אזוי ווייטער, נישט ווייניגער ווי א האלבע שעה (שטונדע). די פרוי זאל דאס אזוי אויסרעכנען, אז זי זאל אנהייבן די חפיפה פארנאכט, און זיין באשעפטיגט מיט די צוגרייטונגען, וועלכע זענען דערמאנט אין די פריערדיגע פונקטן, ביז עס ווערט נאכט, און זאפארט דערנאך, טובל'ן זיך אין די מקוה.

## אין פאל ווען די „חפיפה" קען נישט פארקומען פארנאכט.

ז. אויב דורך עפּעס אנ'אורזאך, איז איר נישט מעגליך געווען צו אנהייבן די חפיפה פון פארנאכט, מעג זי אנהייבן די חפיפה אויך ביינאכט, אבער אין

אזא פאל, מוז דויערן דאס אפבאדן זיך, דאס וואשן און זויבערן זיך, און די אנדערע פארבערייטונגען, א גאנצע שעה. אז, זי זאל קענען אלעם דורכפירן מיט געמיטלעכקייט און מיט די גרעסטע פארזיכטיגקייט, און זי זאל נישט פארגעסן קיין שום זאך, פון דעם אלעם וואס זי דארף דורכצופירן.

ח. צווישן דעם באדן זיך אין די וואננע, און צווישן דעם טובל׳ן זיך אין מקוה, טאר זי גאר נישט עסן. אויך ערב שבת אדער ערב יום טוב, וואו צווישן די חפיפה און די טבילה, איז א גרעסערע צווישן צייט, טאר זי אויך גאר נישט עסן. אנדערש־איז אבער, אז די טבילה דארף זיין מוצאי שבת, מוצאי יום טוב, אדער אין די נאכט צום צווייטן טאג יום טוב, וואס אין אזא פאל, מאכט זי די חפיפה אין א וואכן טאג, מיט א טאג אדער צוויי פריער (פונקטן יא. יב.), מעג זי יא עסן אינצווישן.

**אויב די טבילה פאלט אוים שבת אדער יום טוב.**

ט. ווען די טבילה פאלט אוים אויף פרייטאג נאכט (שבת), אדער אויף די ערשטע נאכט פון יום טוב, דעמאלס, די נעגל אפשניידן, דאס וואננען־באד, די האר אויסקעמען און אלע חפיפה איינצלהייטן, מוזן געמאכט ווערן אויסדריקלעך נאך בייטאג (בעפאר שבת אדער יום טוב), אין אזא פאל, אויב זי מאכט די חפיפה אין די מקוה בילדינג, און זי קען נישט אהיים גיין צווישן די חפיפה און די טבילה, צינדן ליכט, דעמאלס, אדער זאל איר מאן צינדן די שבת ליכט, ווען

דער צייט איז פון ליכט צינדן, אדער זי זעלבסט זאל ליכט צינדן פאר'ן אוועק גיין פון דער היים, אבער זי דארף זיך אויסנעמען א תנאי (א באדינגג), אז מיט דעם דאזיגן ליכט צינדן, נעמט זי נאך נישט אויף זיך, די הייליגקייט פון שבת. זי דארף מאכן די ברכה — ווי אלע מאל — אויף די ליכט צינדן. די פרוי זאל זעהר געווארנט זיין, זי זאל חלילה, נישט מחלל זיין (פארשוועכן) ביים איינטריט פון שבת, צי יום טוב, מיט נעגל אפשניידן, צי מיט קעמען און זייפן זיך, און אזוי ווייטער. אלעס־אלעס מוז זי, מיט אייסערסטע פארזיכטיגקייט, נאך בייטאג ענדיגן, בעפאר די צייט פון ליכט צינדן.

י. ערב שבת, צי ערב יום טוב, איז ראטזאמער, אז זי זאל נעמען די וואננען־באד און אויך מאכן די אלע חפיפה איינצלהייטן, נאך אין די פריהע נאכמיטאג שטונדן. אבער זעלבסט פארשטענדליך אז אין אזא פאל, און אויך אין א וואכן־טאג, אויב זי האט — דורך א נויטיגע אורזאך — געמאכט און געענדיגט די חפיפה נאך בייטאג, זאל די פרוי זיין פארזיכטיג און זעהר שטארק זיך אפהיטן, אז עס זאל זיך נישט עפעס־וואס אנקלעבן אויף איר קערפער, ווייל עס איז א לענגערע צווישן־צייט, צווישן די חפיפה און די טבילה. און אויך ביינאכט בעפאר די טבילה, דארף זי מיט א גרעסערע פארזיכטיגקייט, נאכאמאל זיך זעלבסט, אלע אירע קערפער־טיילן איבער קוקן. און עס איז וויכטיג אז אויך די מקוה־פרוי, וועלכע זי איז די אויפזעהער'ן ביי די טבילה, זאל זי איר גוט און גרונדליך בעטראכטן

און נאכזועהן — און אויב עס איז נויטיג, אפילו מיט האנד־באַרירונג — אויף צו באהויפטן, צי איר קערפער איז טאקע גאנצן ריין, און עס איז גאר נישט צוגעקלעבט אויף איר.

## אויב די טבילה פאלט אוים מוצאי שבת אדער מוצאי יום טוב.

יא. אויב די טבילה־נאכט קומט אוים צו זיין מוצאי שבת אדער אין א מוצאי יום טוב, זאל די פרוי נעמען די וואננען־באד און מאכן אלע חפיפה איינצלהייטן; ערב שבת אדער ערב יום טוב נאך בייטאג. און אין די טבילה־נאכט זאל זי זיך נאכאמאל ארום וואשן, און גוט אויפפאסן, אז איבעראל זאל זיין ריכטיג זויבער און ריין (מויל, ציין, האר, און אזוי ווייטער). אבער, אויב דורך עפעס אנ'אורזאך, איז נישט געווען מעגליך מאכן די חפיפה ערב שבת אדער ערב יום טוב, מעג זי דאס מאכן, מיט אלע איינצלהייטן אויך מוצאי שבת אדער מוצאי יום טוב, לויט ווי דאס איז שוין פריער ערקלערט (פונקט ז.). עס איז פארהאנען געמיינדעס, וועלכע פירן זיך, נישט צו מאכן די טבילה מוצאי שבת, צי מוצאי יום טוב, נור זיי ליינן אפ (פארשיבן) די טבילה, אויף צו מארגנס.

## אויב די טבילה פאלט אוים צווישן צוויי טעג יום טוב.

יב. אויב די טבילה פאלט אוים מוצאי שבת און דעמאלס איז א יום טוב, אדער אויף אזא נאכט,

וועלכער איז צווישן צוויי טעג יום טוב, דארף די פרוי מאכן אלעם — אפוואשן זיך אין וואננע, נעגל שניידן, זויבערן זיך, האר אויסקעמען, און אזוי ווייטער — ערב שבת אדער ערב יום טוב, בייטאג, (וואס איז א וואכן טאג), און אין די טבילה־נאכט, זאל זי זיך ארום וואשן נור אין די קנייטשן, און אין די באהאלטענע ערטער פון איר קערפער, מיטווארעם וואסער, (יום טוב נאכט, מעג מען אנווארעמען וואסער, פאר דעם צוועק), און זי מוז גרונדליך איבערקוקן איר גאנצן קערפער, די אויערן, די נאז און אזוי ווייטער, צי זיי זענען געגנצליך ריין, אויך, צי אירע האר זענען ריין און נישט פארקניפט, (ווען אירע האר זענען טרוקן, מעג זי זיי צונעמען, לאנגזאם, מיט אירע שפיטץ פינגערס), אויך זאל זי אויספוצן די ציינער, מיט ציינשטעכער, און גוט אויסשווענקען איר מויל פארן טובל׳ן זיך. אבער קעמען די האר אדער אפוואשן דעם גאנצן קערפער, טאר־מען־נישט אום שבת און נישט אום יום טוב.

יג. אין די אלע לעצטנס באשריבענע פאלן, וואו עס איז דא א לענגערער צווישן צייט צווישן די חפיפה און די טבילה, דעמאלס, דערנאך וואס זי האט נעענדיגט איר באדן זיך און אויסקעמען אירע האר (אויב זי האט האר), דארף זי פארבינדן אירע האר (דורך א שלייף, אין אזא פארם, זי זאל זיי מעגן אויפבינדן אום שבת און אום יום טוב), און זיי באפעסטיגן, צוליב, אז זיי זאלן זיך נישט פארקניפן אדער פארפלאנטערן אין די צווישן צייט, ביז צו די

טבילה, (עס איז פארשטענדליך, אז פאר די טבילה דארף זי זיי צוריק אויפבינדן). אויך זאל זי אכט־געבן נישט צו באשעפטיגן זיך מיט קלעבעדיגע און פאר־שמירעווודיגע מאטריאלן, און אויב זי האט (זיך פארגעסן און) זיך יא באשעפטיגט מיט א זאלכע מאטריאלן, זאל זי אלעמאל גוט אפוואשן און אפרייניגן דעם טייל פון קערפער, וואו זי האט זיך פארשמירט.

**הינער אויגן באזייטיגונג.**

יד. א פרוי וואס וויל אויסשניידן די פאר־הארטעוועטע הויט אדער הינער אויגן פון אירע פיס — סיי אז זי וויל דאס טוהן ביי זיך אינדערהיים, אדער אין טבילה הויז — זאל זי דאס אויסדריקלעך טוהן, בעפאר די טבילה.

טו. די פרוי זאל ערלעדיגן אלע אירע קערפערליכע באדארפענישן, בעפאר די טבילה.

טז. די באשיידנקייט (צניעות) און איידלקייט פון די יידישע פרוי פאדערט, דאס זי זאל פארהוילן פון סיי וועמען, אויך פון איר פאמיליע און הויז־געזינד — אויסער איר מאן — ווען זי גייט צו טבילה.

◆

## פרק ה׳

# די טבילה פארשריפטן

## מקוה

**וואס מיינט טבילה אין א מקוה.**

א מקוה איז א באסיין מיט וואסער; וואס יעדע איינצלהייט פון איר, די געבוי פון דער באסיין, דער שטאם פון וואסער, פון וואו, און ווי אזוי דאס פליסט אריין אין מקוה, איר קוואנטיטעט, און אזוי ווייטער און ווייטער, מוזן אלע, אהן אויסנאם, געמאכט ווערן לויט די פארשריפטן פון די הייליגע תורה, דורך די אנווייזונגען פון א קאמפאטענטער ארטאדאקסישער רב, און אויך מוז דאס אימער זיין אונטער אזא שטענדיגער אויפזיכט. יידישע טעכטער זייט געווארנט!! אפילו, אויב די פרוי האט זיך ג׳טובל׳ט און געוואשן אין הונדערטער אנדערע באסיינען אדער בעדער, האט דאס קיין שום ווערט און עס איז נישט גילטיג!! און ביז ווי לאנג זי טובל׳ט זיך נישט אויסשליסליך אין א כשר׳ע מקוה, פארבלייבט אויף איר די טומאה פון נדה! לויט אונזער הייליגע תורה — ג־ט׳ליכע געבאטן — אין אזא צושטאנד, חלילה, איר צוזאמען לעבן מיט איר מאן איז פון די הארבסטע עבירות, גלוי עריות, וואס מיט דעם באגייט זי די שרעקליכסטע

זינד און שולד אקעגן איר מאן, קעגן זיך זעלבסט, און אקעגן אירע אומשולדיגע קינדער ח"ו.

**א וויכטיגע באמערקונג.**

אויך די פרויען וועלכע האבן שוין נישט מעהר זייער מאנאטליכע פעריאד (וסת), אויב, נאך זייער לעצטן פעריאד, האבן זיי זיך נישט ג'טובל'ט אין א כשר'ע מקוה, זענען זיי, אפילו נאכן פארלויף פון לאנגע יאהרן, נאך אלץ א „נדה". און מיט זייער צוזאמען לעבן מיט זייערע מענער, פארלעצן זיי יעדעסמאל דאם הארבסטן תורה־פארבאט מיט די שוידערליכסטע שטראף; „כרת" (זעה, ארייגפיר), ביז ווי לאנג זיי טובל'ן זיך נישט אין א כשר'ע מקוה, לויט די פארשריפטן (זעה, פון פרק ב. ביז צום דאזיגן פרק). און נאכן איינמאל טובל'ן זיך פארבלייבן זיי שוין ריין אויף שטענדיג. (אויסער, אויב זיי האבן באקומען, אנ'אומגערעכנטע בלוטונג).

**די צייט פון די טבילה.**

א. נאכדעם וואס די פרוי האט באענדיגט דאם באדן זיך מיט אלע פארבערייטונגען (פרק ד. פונקטן ב.־ה.) — און עס איז שוין זיכער נאכט — קומט דערנאך די טבילה. ווען אנפאנג נאכט איז, דאס ווערט באשטימט דורך דער רב וואס ער האט די השגחה (אויפזיכט) אויף די מקוה. די דאזיגער צייט איז אומגעפער די צייט פון מוצאי שבת קודש (שבת אוסגאנג) אין יענער וואך.

**די טבילה.**

ב. די פרוי, אהן א שום באקליידונג, זאל זי זיך פון אלע זייטן איבערקוקן מיט גרויס אויפמערקזאמקייט — דורכקוקן און דורכטאפן מיט די הענט — אויב עס איז נישט קיין האר אדער כאטש־וואס באהאפטן געווארן צו איר קערפער, ווייל אפילו דאס איז א מינדסטע זאך, דארף זי דאס ארונטערנעמען. עס איז ריכטיג און ראטזאם, אויסער וואס די פרוי איבערקוקט זיך זעלבסט, זאל איר אויך נאכאמאל, גרונדליך איבערקוקן די מקוה פרוי, וואס זי איז באשטימט דורכן רב, צו זיין דארט די אויפזעהערין. אויך דארף זי שטארק אכט־געבן ביים אריינגייענדיג אין מקוה, אז עס זאל נישט זיין צוגעקלעבט צו אירע פיס אדער צווישן אירע פיס־פינגערס; זאמד, ליים, שמוץ און דאס גלייכע.

נאכדעם זאל זי אין אנוועזנהייט פון די מקוה פרוי — וועלכע מוז אומבאדינגט ביי־צו־זיין און אויפפאסן אויף די טבילה — אריין גיין אין מקוה (וואסער), און זי טובל'ט זיך אין אזא פארם, אז איר גאנצער קערפער און אירע האר צוזאמען זאלן זיין אויף אמאל, און אין דעם זעלבן מומענט, איבערגעדעקט מיטן מקוה וואסער, און אויב עס איז פארבליבן אפילו א שפיץ פון איין האר אויסערן וואסער, (אדער עס איז פון איר האר אריין אין איר מויל) ווערנד די טבילה, איז די טבילה נישט גילטיג, און זי איז נאך אלץ א נדה, און זי מוז זיך נאכאמאל טובל'ן. די

האלטונג פון איר קערפער ביי די טבילה, מוז זיין אין אזא פארם, אז דאס וואסער זאל קענען צוקומען צו איר איבעראל, זי זאל נישט זיך, אין נישט אירע קניען צו שטארק איינבייגן ווייל דורכדעם מאכן זיך קנייטשן, אדער עס ווערן צוגעפרעסט געוויסע טיילן פון קערפער, און דאס וואסער קען נישט צוקומען. זי דארף אבער די קניען אביסל איינבייגן, און אויך אביסל איר קערפער, אויף פארנט בייגן.

זי זאל נישט האלטן אירע פיס פעסט צוזאמען, אויך אירע ארמס (הענט), זאלן נישט אנרירן איר קערפער, די פינגער פון די הענט זאלן זיין אפן, אויך די ליפן און די אויגן־לעפל זאלן נישט זיין פעסט צוזאמען, נור לייכט פארמאכט.

די מקוה וואסער דארף זיין אזוי טיעף, אז דאס זאל מינדעסטנס דערגרייכן ביז צום הארץ־גריבל, אומ־געפער, ביז אינמיטן ברוסט־קאסטן. ווען די פרוי טובל'ט זיך, טאר זי זיך נישט אויפשטעלן אויף קיין שום זאך, נור אויף די גרונד פון מקוה (באסיין), ווען אבער עס איז נויטיג, מוז מען פריער פרעגן א שאלה ביי א רב.

ג. אזוי ווי עס איז אוממעגליך פאר די וואס טובל'ט זיך, זי זאל קענען פעסטשטעלן צי איר קערפער איז געווען אויף אמאל און אין דעם זעלבן מומענט, איבער גדעקט גענצליך מיטן מקוה־וואסער, דעריבער — ווי מיר האבן שוין געשריבן — מוז אומבאדינגט דערביי זיין א פארלעסליכע און ערליכע

פרוי, וועלכע טוהט אויפפאסן מיט געטריישאפט אויף די טבילה. די אנוועזנהייט פון אזא פרוי, האט נאך א פארטייל, ווייל נאך די טבילה, וועט זי זיך מיט איר באגעגנען צום ערשט.

ד. און ווייל, פאר די אויפזעהערין איז נישט מעגליך, אויף אמאל, מער ווי אויף איין פרוי גוט אויפפאסן: אויב זי טובל'ט זיך ווי געהעריג, איבערדעם, איז ריכטיג און עס ווערט געפאדערט די איינפירונג, אז יעדע פרוי באזונדער — איינצלווייז — גייט אריין אין מקוה (באסיין) זיך טובל'ן.

**די ברכה.**

ה. נאכדעם וואס די פרוי האט זיך ג'טובל'ט לויט די פארשריפט, זאל זי נאך דארט שטייענדיג אין וואסער, שליסן אירע ארמס אויף איר קערפער אונטערן הארץ, און נישט קוקנדיג אין וואסער, זאל זי מאכן די ברכה:

**בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֶ־לֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל הַטְּבִילָה.**

דער טייטש פון די ברכה איז: געלויבט ביזטו באשעפער אונזער ג־ט דער קעניג פון דער וועלט, וואס האט אונז געהייליגט מיט זיינע געבאטן, און האט אונז באפוילן אויף די טבילה. עס איז זייער

ריכטיג, אז נאכן מאכן די ברכה, זאל זי זיך ווידער טובל'ן, לויט די פריער באשריבענע פארשריפטן.

ו. אויב די פרוי האט פארגעסן צו מאכן די ברכה, דעסטוועגן איז די טבילה גילטיג.

## אויב זי קען זיך נישט אליין טובל'ן, נור מיט הילף.

ז. די פרוי דארף זיך געגצליך אליין טובל'ן, נישט אנהאלטענדיג־זיך אין עפעס צי אין עמעצן, און אויך א צווייטע פרוי זאל איר נישט אנהאלטן. אויב אבער, ווען עס איז איר אוממעגליך צו טובל'ן זיך, אהן א געהילף, זאל די מיטהעלפערן, צום ערשט איינטונקען אירע הענט אין מקוה־וואסער, און נישט ארויסנעמען (די הענט) ביז נאך די טבילה, און דארט אונטערן וואסער פלאך, זאל זי אנהאלטן די פרוי וועלכע טובל'ט זיך, אבער נור לויז, און נישט פעסט, אזוי, אז דאס וואסער זאל צוקומען אויך צו דעם פלאץ, וואו זי האלט זי אן מיט אירע הענט. אויב די מיטהעלפערן, האט ארויסגענומען אירע הענט פון וואסער פאר די טבילה, זאל זי ווידער איינטונקען אירע הענט אין וואסער, און ערשט דאדט אנהאלטן די פרוי וועלכע טובל'ט זיך אזוי ווי פריער דערמאנט.

## שאלות נאך די טבילה.

ז(א). אויב די פרוי געפינט עפעס־וואס אויף איר קערפער נאך די טבילה, אדער זי האט באמערקט אז א נאגל איז פארבליבן אומאפגעשניטן, אדער זי האט

פארגעסן און נישט געמאכט עפעס אדער א טייל פון די טבילה־צוגרייטונגען וועלכע זענען פריער דערמאנט געווארן, דארף זי פרעגן א שאלה ביים רב אויפן גילטיגקייט פון איר טבילה, און וואס זי האט צו טוהן, אויך וועגן די חפיפה. אבער אין א פאל, אויב זי האט זיך, חלילה, פאררעכנט ביים ציילן, און נאך בעפאר עס האבן זיך געענדיגט די זיבן ריינע טעג, האט זי זיך ג'טובל'ט, אדער גאר, זי איז שוין אויך געוועזן מיט איר מאן, די טבילה איז געגצליך אומגילטיג, און זי איז נאך ווייטער א נדה, און מען מוז וואס פריער פרעגן א פארלעסליכן רב א שאלה, אז ווען מעג די טבילה אפגעהאלטן ווערן צום צווייט מאל.

## אויב די טבילה פאלט אוים יום כפור אדער תשעה־באב.

ח. ווען די טבילה נאכט פאלט אוים צו זיין אין איינגאנג נאכט פון יום כפור אדער פון תשעה באב, ווערט די טבילה אפגעלייגט אויף א טאג שפעטער. אזוי אויך, איז די טבילה פארבאטן אין די זיבן טרויער טעג (שבעה רח"ל), ווייל אפילו זי איז א ריינע, איז די פארקער פארבאטן אין די דערמאנטע טעג.

ט. אין קיין שום אנדערן פאל, טאר מען נישט אפלייגן די טבילה פון איר באשטימטער צייט, אויב דער מאן איז אין דערהיים. אזוי אויך, דער מאן

זאל נישט אוועק פארן פון דערהיים אין איר טבילה טאג, אויסער, ביי א גאר דרינגענדן אורזאך.

י. אויך ווען די טבילה ווערט אפגעלייגט איבער די אורזאכן פון די פונקטן ח. ט. אדער איבער א קראנקהייט ח"ו, אויך דעמאלס מוז די טבילה פארקומען נור ביינאכט. און זעלבסט פארשטענדליך, אז נור דעמאלס קען זיך די פרוי טובל'ן, ווען זי האט מיט איר אונטערזוכן־זיך פעסטגעשטעלט, אז זי איז אין די אלע טעג ריין.

## ווען מעג זי זיך טובל'ן בייטאג.

יא. אויב עס איז אוממעגליך פאר די פרוי צו טובל'ן זיך ביינאכט, ווי צום ביישפיל, אז זי וואוינט אין א ווייטן דארף, וואו עס איז נישטא קיין כשר'ע מקוה, מוז זי ווארטן מיט איר טבילה ביז צו מארגנס, וואס דאס איז שוין דער אכטער טאג. ביי אזא אויסנאם פאל, אין דעם אכטן טאג מאכט זי די חפיפה (וואננען־באד מיט אלע צוגרייטונגען) און טובל'ט זיך לויט אלע איינצלהייטן, נאך בייטאג. אבער אהיים אין איר וואוינונג, זאל זי נישט קומען ביז אויף דער נאכט, (ביי אזא פאל, איז ראטזאם זיך דורך רעדן מיט א רב).

יב. מ'זאל זיך נישט טובל'ן אין קיין טייך אדער לעיק, אין א נויטיגע פאל, מוז מען פרעגן א שאלה ביי א פארלעסליכער רב.

יג. נאכדעם וואס זי איז געווען צו טבילה, דארף זי דייטליך זאגן איר מאן, אדער אויף אנ׳אנדערן ארט (אופן) איהם פארשטיין צוגעבן, דאס זי האט זיך ג׳טובל׳ט. און מיט דעם ווערט די דערנענטערונג ערלויבט.

**דער פארבאט פון פארמיידן פרוכטבארקייט.**

יד. דער נאטירליכע און העכערע רעליגיעז־מאראלישע ציל פון צוזאמענלעבן מאן און ווייב, איז די באפרוכטבארונג, און געבערן קינדער. יעדע מיטל, צופארמיידן אדער אפצוהאקן שוואנגערשאפט, ח״ו, איז א שרעקליכע גרויסע זינד. ווייל דאס ווערט באטראכט, ווי ער וואלט אומגעברענגט בייזוויליג און מיט פרעכהייט, די אייגענע קינדער וואס זענען געווען גרייט געבוירן ווערן, און גלייך, ווי ער וואלט פון אזוי פיעל קומענדיגע לעבנ׳ס, מיט וויסנהאפט, פארניכטעט, רח״ל, ווייל דער שוידערליכער טאהט, גייט אריין אין די ראמען אלס א מערדערישער אקט פון בלוט פארגיסונג, און אזא פארברעכן, ווער קען, און האט די מעגליכקייט דאס צו פאררעכטן . . .

אבער אין א פאל, אז דורך שוואנגערשאפט, קען די פרוי קומען צו א לעבנס געפאר ח״ו, זאלן זיי זיך ווענדן צו גאר גרויסע און אנ׳ערקענטע רבנישע אויטאריטעט, מיט א שאלה וואס צו טוהן.

♦

## פרק ו׳

# דיני כלה

### די אויפגאבע פון אנ׳ערליכע יידישע כלה

אלס פארווארט שטעלן מיר א הארץ רירענדע קורצע ווענדונג פון אנ׳ערליכע יידישע מאמע, צו איר טאכטער, א כלה:

„מיין געליבטע זיס און גוט קינד!

מיט פיעל פרייד האב איך דיך געטראגן אונטער מיין הארץ און מיט פרייד האב איך דיך דערצויגן דורך הונדערטער און הונדערטער שוועריגקייטן, צווישן פריידן און ליידן, מיט פיעל פלאג און מאטערניש, ביז השם יתברך מיט זיין גרויס גענאדע האט אונז דערפירט צו די גליקליכסטע צייט־פונקט אין דיין לעבן. און יעצט, נאך אזוי פיעל מוטערליכע ציטערניש, זארג און פארכט, האסטו ברוך השם דערגרייכט צו דיינע פרייליכע־טעג, בעט איך פון דיר עפעס דערפאר, מיין טייערע ליבע טאכטער!

דערפיל מיט אן אינערליך געפיהל און מיט אמת׳דיגע ליבשאפט, דיינע יידישע ווייבערישע

פליכטן! האלט אָן און ראטעווע, ביי אונזער פאמיליע די רעליגיעז־מאראלישע ריינינקייט, האק נישט אונטער, מיט היילינקייט־ברעכערישע הענט, אונזער אור־אלטע און ברייט פארצווייגטן פאמיליע־בוים. קיינמאל, אבער טאקע קיינמאל, זאלסטו נישט אפנייגן פון די, דורך השם יתברך פארגעשריבענע און געבאטענע, היילינגע פאמיליען־לעבנס געזעצן, קיינמאל זאלסטו נישט בעלאסטן דיין געוויסן, מיט א פארבאטענע פאמיליען־באַרירונג. מיט דעם האלסטו אויף, פלעגסט און שטארקסט אונזער משפחה בוים, און העלפסט צו זיין ווייטערדיגע, פאר השם יתברך גוט געפאלענע, געזונטע בליאונג.

מיט מוטערליכע טרערן בעט איך דערויף, זיסע און גוטע טאכטער מיינע, און איך פארזיכער דיר, דאס דער גרויסער באשעפער וועט דיך דעריבער בענטשן אויף ווייטער, דיך מיט דיין מאן און קינדער צוזאמען, אמן.״

---

א. יעדע יידישע מאמע איז פארפליכטעט צו באלערנען איר כלה־טאכטער, די אלע דינים (פאר־שריפטן) פון א נדה, מיט גענויע איינצלהייטן און פונקטליכקייטן. איבערהויפט, איר גוט צו דערקלערן, וויאזוי צו מאכן די אויבן באשריבענע אונטער־זוכונגען.

די מוטער זאל זיך קיינמאל נישט צוריקהאלטן, צוליעב שעמעוודיגקייט און אומריכטיגע באשיידנקייט, פון צו לערנען דאס מיט איר טאכטער, ווייל דאס קען פאראורזאכן פיעל שטרויכלונגען און צווייפל, אין די ריינקייט פון די פאמיליע־לעבן פון איר טאכטער מיט איר מאן, און פון זייערע צוקונפטיגע קינדער און ווייטערדיגע גענעראציעס. אויב צוליעב אנ׳אורזאך, קען די מאמע אליין נישט לערנען מיט איר טאכטער, זאל זי באזארגן אז אנ׳אנדערע פרוי זאל זי באלערנען.

## די פליכט פון די כלה.

ב. יעדע כלה — אפילו אין די עלטערע יאהרן, און אפילו א ריינע — בעפאר זי גייט אונטער די חופה, מוז זי מאכן די אפציאונג און ציילן זיבן ריינע טעג. דאס מיינט; אז נאך א גרונדליכע בדיקה דארף זי אנטוהן ווייסע וועש (פרק ב.), ציילן זיבן ריינע טעג (פרק ג.), און אויב זי האט זיך געפונען ריין אלע זיבן טעג, נעמט זי די וואננען־באד לויט אלע איינצלהייטן (פרק ד.), און דערנאך טובל׳ט זי זיך אין א כשר׳ע מקוה (פרק ה.), אלעס ווי ביי א פארהיידאטע פרוי. נור מיט איין זאך איז אנדערש ביי א כלה בעפאר די חתונה: אז א כלה בעפאר די חתונה, מוז נישטווארטן פינף טעג ביז צום אפציאונג, נור נאכדעם וואס די בלוטונג האט זיך אויפגעהערט, קען זי מאכן די אפציאונג. (א כלה, אלס א מיידל, זאל פארזיכטיג מאכן די אונטער־זוכונג, זיך נישט צו באשעדיגן).

## ווען קען די כלה מאכן די אפציאונג (הפסק טהרה).

ג. א כלה קען נור דעמאלס מאכן די אפציאונג, נור ווען זי ווייסט שוין געגוי, אין וועלכן טאג וועט די חתונה זיין, און דאס אויך מיט דעם אויסרעכנונג, אז די זיבן ריינע טעג זאלן זיך ענדיגן נאהנט צום חתונה טאג. ווייל די טבילה דארף זיין ווי נור מעגליך איז, וואס נעהנטער צום חתונה טאג. אלעם־פאלס, זאל די טבילה נישט זיין פריער ווי פיר (4) טעג בעפאר די חתונה. צום ביישפיל, אויב די חתונה איז באשטימט אויף זונטאג, טאר זי זיך נישט טובל'ן בעפאר מיטוואך נאכט (וואס געהער צו דאנערשטאג). נאך דער טבילה ביז צו די חתונה, דארף זי זיך אונטערזוכן יעדן טאג.

## אויב אינמיטן אדער ביים ענדע זיבן טעג ציילונג, איז די חתונה אפגעלייגט געווארן.

ד. אויב אינמיטן די זיבן ריינע טעג אדער ביים ענדיגן, און אפילו שוין נאך די טבילה, איז די חתונה אפגעלייגט געווארן, און אפילו מ'האט דאס דערנאך צוריק באשטימט, אפילו אויפן פריערדיגן זעלבן טאג, דארף מען פרעגן א שאלה ביי א רב, אויב די געציילטע ריינע טעג איז גילטיג, צי נישט, ווייל דאס איז אלץ אפהענגיג, לויט די פארגעקומענע אורזאכן.

## ווען קען די כלה זיך טובל'ן.

ה. אויב די זיבן ריינע טעג ענדיגן זיך בעפאר

די חתונה, אזוי, אז די טבילה קען פארקומען א טאג אדער צוויי בעפאר די חופה טאג, דעמאלס, מעג די כלה צו מארגנס נאך די זיבן ריינע טעג — אין דעם אכטן טאג — טובל'ן זיך, אויך בייטאג, לויט די אלע פארשריפטן (זעה, די פריערדיגע פרקים). אבער אז די זיבן ריינע טעג ענדיגן זיך ערשט נאך דער טאג פון די חתונה, וואס דעמאלס, פארשטענדליך, איז דאך די טבילה אויך ערשט נאך די חתונה, דעמאלס, טאר די כלה זיך נישט טובל'ן בייטאג, נור ביינאכט, אזוי ווי אלע אנדערע פארהייראטע פרויען.

ו. אז דער זיבעטער טאג פון די ריינע טעג, קומט אויס אין טאג פון חתונה, איז אפהענגיג אין דעם: אויב די טבילה איז בעפאר די חופה אדער נאך די חופה; אויב בעפאר די חופה, מעג זי זיך טובל'ן — אין א נויטפאל — אויך בייטאג (אבער נישט פאר־טאגס, נור ווען עס איז שוין ליכטיג טאג), אבער אין אזא פאל מוז די חופה זיין ביינאכט. אבער, אויב די כלה טובל'ט זיך נאך די חופה, מוז זיין די טבילה נור ביינאכט.

## אויב די טבילה קומט אויס נאך דער חתונה.

ז. אויב די טבילה איז נאך דער חתונה־טאג, דארפן חתן בלה — באלד נאך די חופה ביז נאך די טבילה — אפהיטן אלע פארשריפטן פון די דערוויטערונג פון א נדה, וואס זענען ערקלערט אין פרק ח., און נאך מער פון דעם; זיי טארן נישט זיין ביידע אליין

אין איין שטוב, נישט בייגאכט און נישט בייטאג, ביז נאך די טבילה. אין אזא פאל איז דער מנהג, אז א יונגל זאל זיין מיטן חתן אין צימער, און א יונג מיידל מיט די כלה. וועגן די עלטער פון די קינדער, זאל מען פרעגן א רב.

**באשטימען די חתונה טאג.**

ח. עס איז זייער וויכטיג, און מ׳דארף זיך באמיהען ווי נור מעגליך, צו באשטימען די חתונה אויף אזא טאג, אז די כלה זאל קענען — נאך די ריינע טעג ציילונג און נאך די טבילה — אלס ריינע, גיין אונטער די חופה. און אויך, מ׳זאל אזוי אויס־רעכנען, אז די חתונה זאל נישט זיין צו־נאהנט צו די קומענדיגע וסת (פעריאד).

**די אפזונדערונג נאך די ערשטע פארקער, און די צייט פון אפציאונג דערנאך.**

ט. אז די כלה איז א מיידל, און זי איז ריין צו אים, איז די מצוה פון חתן צו זיין מיט איר. אבער, ווי ער האט נור געענדיגט די ערשטע פארקער, דארף ער זיך באלד אפזונדערן פון איר, און זי איז א נדה, סיי, אויב דארכדעם איז געוועז בלוטונג, סיי נישט, און זאפארט דארפן זיי אפהיטן די דערווייטער־רונגס געזעצן. (אויב עס איז נישט געוועז קיין בלוטונג, און זיי וויסן נישט אויב די פארקער איז געוועז ריכטיג, דארף מען פרעגן א שאלה ביים רב). א כלה נאך די ערשטע פארקער, מעג זי אין פערטן טאג פארנאכט מאכן די אפציאונג, און זי דארף נישט

ווארטן ביז צום פינפטן טאג, ווי אנ׳אנדערע פאר־הייראטע פרוי. און אז די בדיקה טיכעלע צייגט אז זי איז גענצליך ריין, פאנגט זי אָן צו ציילן די זיבן ריינע טעג, די נאכט און דער טאג דערנאך, איז גערעכנט פארן ערשטן טאג. (אויב עס איז געווען בלוטונג ביים צווייטן פארקער, דארף מען פרעגן א רב, ווען די אפציאונג זאל זיין).

יעדער חתן מוז לערנען די דינים פון נדה ביי א תלמוד חכם, צו וויסן וואס צו טוהן און וואס צו פרעגן, אז זיי זאלן חלילה נישט געשטרויכלט ווערן אין דעם הארבן איסור נדה.

**ווארנונג ! ! !**

ביי דער געלעגנהייט מוזן מיר אויפמערקזאם מאכן און דערקלערן, אז ווי ווייט דאס איז אין גענצערשאפט און עס פארשוועכט אונזער הייליגסטע פאמיליע־לעבן׳ס געזעצן, דער היינטיגער אויסגעלאסענער און זינדיגער איינפירונג, וועלכע דאס רופט מען „האני־מאון״, בעסער געזאגט; לייכטזיניגע לוסט רייזעס, ווי אין פסוק ווערט דערמאנט: (. . . ניין,) איך וויל מיך פירן און גיין אין דעם וועג, וואו מיין הארץ גלוסט, . . . ,אבער די תורה הקדושה ווארנט, ווי ביטער און טרויריג וועט דער האניג זיין . . . ,רח״ל. און דער־צו, אין דער צייט וואס זיי דארפן שטרענג אפהיטן די הארבסטע דערווייטערונגס געזעצן, ערלויבט מען זיך גיין אין אזא וועג, וואס ברענגט נאך צו, חלילה,

לייכט געשטרויכלט ווערן אין פארשידענע און הארבע איסורים ח"ו. און אויב עס איז נאך דא ביי זיי א פונק יראת שמים ווען זיי זיכער נישט טוהן אזוינס, און וועלכע טוען דאס יא, איז נור, ווייל זיי ווייסן נישט און זיי קענען זיך נישט פארשטעלן, די שווערע און געפערליכע נאכפאלגן, ח"ו.

אדישע מענער און פרויען! א ביסל איינגעהאלטנ־קייט און א ביסל העכערע מאראלישע קרעפטן בעטן מיר פון אייך! אויב פיליכט, קענען זיי זיך פון דעם נישט אפזאגן, זאלן זיי צום מינדסטן ווארטן, ביז ווען דאס יונג ווייבל וועט שוין שטיין צו זיין זייט אלס ריינע, און דערלויבט לויט די תורה, און מיט השם יתברך'ס ברכות באגלייטנדיג, זאלן זיי קענען באגליקן זייער וועג.

◆

# פרק ז׳

# יולדת

## (קימפעטארן)

## די רייניגונגס געזעצן, נאך די געבורט

### דערפיהלונג פון געבורטס־ווייען.

א. ווי נור די פרוי דערפיהלט געבורטס ווייען, מוז זי זיך זאפארט אפזונדערן פון איר מאן. אויב די ווייען האבן זיך געגצליך אויפגעהערט, און זי האט זיך גרונדליך אונטערזוכט און נישט געפונען קיין מינדסטן טראפן בלוט, דארף זי פרעגן א שאלה ביים רב.

### ביי א געבורט אדער מפיל געווען (פארלוירן).

ב. באלד ווי זי האט געבוירן א קינד איז זי א נדה. עס איז קיין אונטערשייד צי די געבורט איז געווען אין דער צייט אדער בעפאר די צייט, אדער, אויב זי האט מפיל געווען (פארלוירן), אהן קיין אונטערשייד וואס פאר א פארעם דאס נפל האט, און ווי גרוים דאס איז, אפילו גאר א קליין שטיקל, אין יעדן פאל איז זי א נדה. און ווען די בלוטונג האט זיך געגצליך אויפגעהערט, און דורך א גרונדליכע

אונטערזוכונג האט זי זיך געפונען ריין, מאכט זי די אפציאונג לויט אלע פארשריפטן, און הייבט אן צו ציילן די זיבן ריינע טעג א.א.וו. (פרק ב. און ג.). אבער, ווענן די צייט פון טבילה, זעה ווייטער.

## ווען מעג זיין די טבילה נאך א געבורט.

ג. אויב זי האט געבוירן א מיידל, טאר די טבילה נישט זיין, אויף קיין שום פאל נישט, אין די פערצן (14) טעג פון נאכן געבורט, אפילו זי האט שוין געציילט און געענדיגט די זיבן ריינע טעג בעפאר די פערצן טעג. דאס זעלבע איז אויך, ווען עס איז א צווייפל וואס דאס געבורט (נפל) איז געווען; א יונגל אדער א מיידל. (און דעריבער, אויב א פרוי האט מפיל געווען עפעס נאך פערציג (40) טעג, פונ׳ם אנקערן זיך מיט איר מאן — ווערט זי גערעכנט א יולדת (קינפעטארן) — אז אפילו זי האט שוין געענדיגט די זיבן ריינע טעג בעפאר די פערצן טעג), טאר די טבילה נישט זיין, בעפאר די נאכט פון פינפצעטן טאג פון מפיל זיין. ביי א יעדן צווייפל דארף זי ווארטן מיט די טבילה, אדער פרעגן א שאלה ביי א רב.

ד. אבער, אז זי האט געבוירן א יונגל, מעג די טבילה אויך זיין אין די פערצן טעג, מיט דעם באדינג, אז זי האט בעפאר דעם — מיט די אונטערזוכונגען ווי עס דארף צו זיין — געענדיגט די זיבן ריינע טעג, נור אזא פאל, טרעפט זיך זייער זעלטן. (אבער, צוליב די שוואכקייט פון נאכן געבורט, איז דא וואס פירן זיך

צו ווארטן מיט די רייניגע טעג ציילונג און טובל'ן זיך, ביז ארום זעקס וואכן אדער נאכמער, יעדע איינע לויט איר געזונד צושטאנד.

◆

## פרק ח׳

# הרחקה

## די דערווייטערונג

**איינצלהייטן פון דער פולשטענדיגער דערווייטערונג.**

א. ווי נור די פרוי איז געווארן א נדה, איז נישט נור דער פארקער צווישן מאן און ווייב פארבאטן, נור אויך איז שטרענג פארבאטן צווישן זיי, יעדע דערנענטערונג און אנרירונג — ווי ערקלערט ווייטער — ביז נאך די טבילה.

ב. דורך דער גאנצער צייט, טארן זיי זיך נישט אנרירן איינער דעם אנדערן! זיי טארן נישט דערלאנגען איינער צום צווייטן קיין שום זאך, אפילו ווען דער זאך איז אזוי גרויס, לאנג, אז דורכן איבער געבן, צוקומען צו סיי וועלכעם אנרירונג, זעהט־אויס פאר אויסגעשלאסן. אויך טארן זיי נישטווארפן קיין שום זאך איינער צום צווייטן. און אז זיי דארפן איבער געבן איינער צום צווייטן סיי־וואס אדער א קליין קינד, קען דאס נור זיין: אז מ׳שטעלט דאס ארונטער און דער צווייטער נעמט דאס פון דארט.

ג. דער מאן טאר נישט ליגן אויף זיין ווייב'ס בעט, און אויך נישט זיצן דערויף, אפילו נישט אין איר געגענוואַרט (אנוועזנהייט). אזוי אויך טאר ער נישט ליגן אויף זיין ווייב'ס באשטימטע (ספעציעלע) בעט־צייג.

ד. די פרוי טאר נישט צוגרייטן איר מאן'ס בעט, אין זיין געגנוואַרט, און אויך טאר זי נישט ליגן אויף זיין בעט, אין זיין געגנוואַרט.

**די בעטן.**

ה. זייערע בעטן טארן זיך נישט אנרירן איינע מיט די אנדערע, נור עס דארף זיין צווישן זיי, א שטיקל ליידיג פלאץ. אבער, דארט וואו די בעטן שטייען אין די לענג, איינע קעגן די אנדערע, דעמאלס איז נישט גענוג א קליין אפטיילונג צווישן די צוויי בעטן, נור מיט א גרעסערע צווישנשייד — מיט א נאכט קעסטל — דארפן זיי זיין, איינע פון די אנדערע אפגעטיילט.

ו. זיי טארן נישט זיצן צוזאמען אויף קיין שום זאך וואס איז ספרינגיג, שאקלט זיך, אדער באוועגט זיך, אויסער ווען אנ'אנדערער זיצט צווישן זיי.

**ביים פאהרן.**

ז. און אויך טארן זיי נישט זיצן צוזאמען אין איין קאבין אויף דער באהן אדער אויף סיי וועלכעם פאהר־צייג, אויב דער צוועק פון פאהרן איז א לוסט

רייזע. אבער, אויב דאס פאהרן איז וועגן אנ׳אנדערע אורזאך, דרינגענד, דעמאלס איז ערלויבט, נור,זיי מוזן זיין זייער פארזיכטיג, נישט קומען צו אנרירונג, אפילו אומווילנדיג.

ח. זיי טארן נישט עסן צוזאמען פון איין געשיר (טעלער אדער דאס גלייכע).

ט. אויב די פרוי האט עטוואס געגעסן אדער געטרינקען און זי האט דערפון איבער געלאזט (רעשט), איר מאן טאר נישט פון דעם רעשט עסן אדער טרינקען אין איר געגנווארט, אבער, אויב ער ווייסט נישט אז דאס איז פון איר רעשט, אדער מ׳האט צוערשט די רעשט איבער געלערט אין אנ׳אנדערע געשיר, מעג ער דאס עסן און טרינקען, אפילו אין איר געגנווארט.

י. קיין איינער פון זיי טאר נישט אנגיסן פארן אנדערן קיין שום געטראנק, און אויך נישט צושטעלן קיין עסנווארג, אויסער, מיט עפעס א פארענדערונג, ווי צום ביישפיל, מיט דער לינקער האנד און דאס גלייכע.

יא. די פרוי טאר נישט אנגיסן און נישט אנגרייטן וואסער פאר איר מאן, צום וואשן זיך.

**ביים עסן.**

יב. יעדעסמאל ביים עסן — אויב נור זיי אליין זיצן ביים טיש — מוזן זיי ליגן צווישן זייערע טעלערס (גרעט), עפעס א זאך, וואס געווענליך איז דאס נישט

דארט, פאר א דערמאנונג. אדער מאכן א צווישנשייד, מיט אויסשפרייטן אנ'עקסטערע טישטעך.

יג. אין אלגעמיין דארפן זיי זיך דערווייטערן פון א יעדע זאך, וואס קען ברענגען צו נאהנטקייט, דערפאר מוזן זיי אויסמיידן א זעלכע שמועסן וואס ברענגען צו ליבשאפט, און אויך קיין שפאסן, געלעכטער, לייכט־זיניקייט און דאס גלייכע. צוליב דעם איז גלייך, אז די פרוי אין איר גאנצע נדה־צייט, דאס הייסט, ביז נאך די טבילה, זאל זי זיך אנטוהן א באזונדער קלייד אדער א קאפ־טיכל פאר א צייכן, אז דורכדעם זאלן זיי אימער געדענקען, דאס פארבאט פון זייער דערנעהנטערונג.

יד. דער מאן טאר נישט זעהן די קערפער טיילן פון זיין ווייב אויפגעדעקט, וואס געווענליך זענען זיי צוגעדעקט.

טו. די פרוי זאל נישט זינגען אין די טעג, אין איר מאנס געגנווארט.

טז. דער מאן טאר נישט שמעקן (גענישן), אירע באזונדערע, שמעקענדיגע זאכן.

## אויב איינער פון זיי איז קראנק.

יז. אויב איינער פון זיי איז קראנק, און מ'איז אנגעוויזן צום צווייטנס הילף, דארפן זיי פרעגן א שאלה ביים רב.

♦

## פרק ט׳

# פרישה בעונה הסמוכה לוסת

## די אפזונדערונג בעפאר מ׳ערווארט דעם וסת (פעריאד)

### דער פארבאט פון יעדע דערנענטערונג, ווען מ׳ערווארט דעם וסת.

א. אזוי ווי די דינים פון נדה זענען אזוי וויכטיג, וואס דער גאנצער ריינקייטס פונדאמענט אין די יידישע פאמיליע לעבן, ווי אויך פון די צוקונפטיגע דורות, ווענד־זיך אין זייערע אפהיטונג, איבער דעם זענען מיר געבאטן געווארן דורך די דינים פון אונזער הייליגע תורה, אויף די מצוה פון אפזונדערן זיך שוין אויך בעפאר זי ערווארט די מאנאטליכע בלוטונג (וסת), סיי פון אנקערן זיך מיט איר מאן, און סיי פון יעדע קערפערליכע דערנענטערונג (צערטליכקייטן). דעריבער, אויב לויט די רעכנונג דארף דער וסת קומען בייטאג (דער טאג ווערט גערעכנט אין דער באציאונג, פון זון־אויפגאנג ביז זון־אונטערגאנג), דעמאלס איז שוין א גאנצע נאכט פון פריער, אויך פארבאטן די דערנענטערונג — ביז ענדע דעם טאג. און אז זי ערווארט דעם וסת ביינאכט (וואס אין דער באציאונג ווערט די נאכט גערעכנט, פון זון־אונטערגאנג ביז זון־אויפגאנג), מוזן

זיי שוין אויך א גאנצן טאג פון פריער, זיך אפזונדערן. (זעה אויך ווייטער פונקטן ח, ט, י.).

## די דריי־ערלי הויפט וסתות.

ב. און אויף וועלכן טאג אדער נאכט דארף זי ערווארטן דעם וסת, און אפזונדערן זיך אין דאזיגער צייט, און אויך ביינאכט אדער בייטאג בעפארדעם, האבן די געזעצן פון אונזער הייליגע תורה אויף דעם באשטימט די פאלגענדע דריי הויפט פונקטן:

(א) וסת החודש „טאג אין חודש וסת" — דאס מיינט: אז דער וסת געפאלט שטענדיג אין א געוויסן טאג אין חודש, לויט די לבנה־חדשים (מאנאטן), וואס דאס איז די יידישע רעכנונג (לוח). צום ביישפיל, דעם צענטן אין ניסן, דעם צענטן אין אייר, און דעם צענטן אין סיון. עס איז נישט קיין אונשערשייד צו „ראש חודש" איז איין טאג אדער צוויי טעג, די הויפט זאך איז, אז אין וועלכן טאג אין חודש הויבט זיך אן דער וסת (בלוטונג). און אויב דער וסת האט זיך אנגעהויבן אין „ראש חודש", און דער דאזיגער ראש חודש איז נור איין טאג, דעמאלס, אויב דער קומענדיגער ראש חודש איז: צוויי טעג, דארף זי ערווארטן דעם וסת אין דעם צווייטן טאג ראש חודש, (וואס דאס איז אויך דער ערשטער טאג פון חודש, ווייל דער ערשטער טאג „ראש חודש" איז דער דרייסיגסטער טאג פונם פריערינגן חודש).

**ווארנונג!** אזוי ווי אלע אונזערע רעכנונגען זענען באזירט לויט דער לבנה־גאנג, דעריבער זאל א יעדע פאדהיירעטע פרוי אונבאדינגט האבן א יידישע „לוח" (קאלענדער), אין וועלכן זי זאל פארצייכנען יעדעס מאל, דעם טאג אין וועלכן איר בלוטונג האט זיך אנגעהויבן, און גלייכצייטיג, אויך די טעג אין וועלכע זיי דארפן זיך אפזונדערן (אדער זאל זי דאס פארצייכנען אין „די וסתות פארצייכנונגען", זעה דאס בילד אין דעם ספר זייט 116).

(ב) וסת הפלגה „צווישן־צייט וסת" — דאס מיינט: אז דער וסת קומט נישט אין א געוויסן טאג אין חודש, נור עס קומט אלע מאל נאך א געוויסע צאל טעג, דאס הייסט, אז פון איין אנפאנג בלוטונג ביז צום צווייטן אנפאנג בלוטונג איז יעדעס מאל דער זעלבער צווישן צייט, ווי צום ביישפיל, אלע מאל 20 טעג, אדער 25 טעג, אדער 32 טעג, און דאס גלייכע. (און די וועלכע, וואס פידן זיך אויך לויט דער גאנג פון ש"ע הרב, דארפן זיי דאס פרעגן ביי א רב, וועלכער איז קלאר אין דעם גאנג).

(ג) עונה בינונית „דורכשניטליכער וסת" — א פרוי, וואס האט נאך נישט קיין באשטימטע צייט צו איר וסת, דארף האלטן די דורכשניטליכער וסת אין צוגאב צו די צוויי דערמאנטע וסתות, דאס מיינט: אז זי דארף אויך ערווארטן איר וסת צום דרייסיגסטן טאג, גערעכנט פון דעם ערשטן טאג פון די לעצטע בלוטונג, און עס קומט אוים אז ס'איז דא 28 טעג צווישן

ערשטן טאג און 30־טן טאג. לויט דעם, צום ביישפּיל, אויב איר לעצטע בלוטונג האט זיך אנגעפאנגען: זונטאג, דארף זי ערווארטן דעם דאזיגן וסת, פיר (4) וואכן שפּעטער: מונטאג. באמערקונג: לויט דער פריערינגער ערקלערונג: (א) ביים „וסת החודש", דארף מען אויך זיין אויפמערקזאם אויף דעם 31־טן טאג.

ג. דער טאג אין וועלכן עס האט זיך אנגעפאנגען די בלוטונג (אפילו די מינדסטע בלוטונג, און נישט מער), פון דעם דאזיגן טאג רעכנט מען, צו באשטימען די צייט אויף ווען צו ערווארטן די וסת, ביי די אלע דריי־ערליי וסתות.

## וסת הגוף — קערפּערליכע ערשיינונג בעפאר דער וסת.

ד. ביי געוויסע פרויען איז זייער וסת אנקום פארבונדן מיט א קערפּערליכע צייכן אדער ערשיינונג, צום ביישפּיל, זי גענעצט אדער זי ניעסט עטליכע מאל איינס נאכן אנדערן, אדער זי פיהלט א שוועריקייט אין קאפּ, אין די גלידער, אדער, א ווייטאג אין די אונטערשטע טייל קערפּער אדער אין די לענדן, זי פיהלט קעלט, צי עס שווינדערט איר, א זאלכע אדער עהנליכע ערשיינונגען פיהלט און באמערקט זי ביים אנקום דער וסת אדער נאך בעפאדעם, דאס רופט זיך „וסת הגוף" — קערפּערליכע וסת. ביי די דאזיגע פאלן, דארף מען פרעגן א שאלה ביים רב, וועגן די צייט פון אפּזונדערונג.

ה. ביי די וסתות אונטערשיידן מיר צווישן א באשטימטער וסת (וסת קבוע), און א נישט (אום) באשטימטער וסת (וסת שאינו קבוע).

## וסת קבוע (באשטימטער וסת).

ביי „וסת החודש" (טאג אין חודש וסת), ווערט דער וסת א „קבוע" (באשטימטע), אויב דריי מאל חודש נאך א חודש איינע נאך די אנדערע, האט זיך דער וסת אנגעפאנגען אין דעם זעלבן טאג אין חודש, צום ביישפיל, פיפצן טאג אין סיון, פיפצן טאג אין תמוז, פיפצן טאג אין אב. און ביי א „וסת הפלגה" (צווישן־צייט וסת), איז דער וסת א „קבוע", אויב ס'איז געווען צווישן פיר (4) וסתות (בלוטונגען) נאכאנאנד, דריי מאל די זעלבע צאל טעג צווישן־צייט, פון איין אנפאנג וסת, ביז צום אנדערן אנפאנג וסת. צום ביישפיל, א' ניסן—(1)—כ' ניסן—(2)—ט' אייר—(3)—כ"ח אייר, איז איר וסת באשטימט צו 20 טעג, ווייל צווישן די פיר בלוטונגען, איז דריי איינינגע צווישן־צייט פון 20 טעג (זעה פונקט י"א).

ו. דער „וסת החודש", ווערט אויך נור אין דעם פאל א באשטימטער, אויב די פריער־דערמאנטע בלוטונגען האבן זיך אלע דריי מאל אנגעפאנגען בייטאג, אדער אלע דריי מאל ביינאכט, אבער, ווען דער וסת האט זיך אנגעפאנגען איינמאל ביי טאג און צוויי מאל ביי נאכט, אדער פארקערט, איז דער וסת אין אזא פאל נאך נישט קיין „קבוע". דער קעגן אבער, דער וסת הפלגה,

ווערט אין אזא פאל אויך גערעכנט פאר א וסת קבוע, אין געוויסע פאלן לחומרא (זעה פונקטן ח׳־י׳), אויב די צווישן־צייט־טעג זענען געווען אין צאל, די זעלבע. און ביי אזא וסת הפלגה, זאל מען זיך דורך רעדן מיט א רב.

## וסת שאינו קבוע (א נישט באשטימטער וסת).

ז. אויב דער וסת האט זיך אנגעפאנגען איינמאל, אין א געוויסער טאג אין חודש, און אפילו אין צווייטן חודש אויך אין דעם זעלבן טאג, און דאס זעלבע, ווען דער וסת איז געקומען נאך א געוויסער צאל טעג, איינמאל אדער צוויי מאל, איז דאס נאך נישט קיין באשטימטער וסת. אבער מ׳מוז זיך שטרענג אפזונדערן בעפאר מ׳ערווארט דעם וסת (ערקלערט אין פונקט א׳), סיי דאס איז א באשטימטער, אדער א נישט באשטימטער וסת.

## די אונטערזוכונג, ווען מ׳ערווארט די וסת.

ח. אין דעם טאג אדער נאכט, אין וועלכן מ׳ערווארט א באשטימטן וסת, מיט דער ענדיגונג פון דער טאג אדער נאכט, אהן מינדסטע בלוטונג, די פליכט פון אפזונדערונג, הערט זיך נור אין דעם פאל אויף, אויב זי האט זיך גרונדליך און ריכטיג אונטערזוכט (זעה פרק ב׳), און זיך געפונען גענצליך ריין. אויב זי האט די אונטערזוכונג אין דער צייט פארפעהלט, קען זי דאס שפעטער אויך מאכן, נור אבער, מ׳מוז די אפזונדערונג ביז דעמאלס אנהאלטן. אויב זי האט זיך

דערצווישן געבאדן אין א וואננע, דארף מען פרעגן א שאלה ביים רב. אויב מ׳ערווארט א נישט באשטימטן וסת, דארף זי זיך אויך אונטערזוכן, אין דעם פאל אבער, איז גענוג די גרינגערע בדיקה, דאס הייסט, אז זי מוז נישט די בדיקה טיכעלע גענצליך טיעף ארייני ברענגען. און אויב זי האט די גרינגערע בדיקה אויך פארפעהלט — כאטש זי קען דאס מאכן שפעטער אויך — דעסטוועגן, אז זי האט אין די ערווארטע צייט קיין שום בלוטונג נישט געפיהלט, דארף זי מיט דער נישט באשטימטן וסת, מער זיך נישט רעכנען (זעה פונקט י׳).

צו באמערקן, אין פאל וואס מ׳ערווארט א באשטימטן אדער א נישט באשטימטן וסת, איז געוואונטשן, און לויבנס־ווערט, אין די דאזיגע טעג מערערע מאל זיך אונטערזוכן.

ט. דער דורכשניטליכער וסת (עונה בינונית) איז אנדערש (ס׳איז הארבער) פון די אנדערע וסתות, מיט דעם, אז די פליכט פון אפזונדערונג ביים דערווארטן דעם וסת, — אפילו ביים ערשטע מאל — הערט זיך נור אין דעם פאל אויף, אויב זי האט זיך נאך א גרונדליכע און ריכטיגע אונטערזוכונג געפונען זיך גענצליך ריין. (און ביז נאך די בדיקה זאל זי זיך נישט באדן, ווי פריער דערמאנט).

י. מיט א נישט באשטימטן וסת רעכנט מען זיך נישט מער, אויב אפילו נור איינמאל בלייבט דאס אויסן, אבער מיט א באשטימטער וסת נור דעמאלס

רעכנט מען זיך נישט מער, אויב דריי מאל נאכאנאנד בלייבט דאס אויסן.

**דער סדר, ווי אזוי מ'רעכנט, לויט די ענדערונגען, די וסת צייטן, ביז איין וסת ווערט א באשטימטער (קבוע).**

פון דער פונקט יא-יג, זעה אויך דעם טאוול זייט 120-122

יא. ביי א פרוי, ביז ווי לאנג איינע פון די פארשידענע וסתות איז נאך נישט א באשטימטער, דארף זי ערווארטן איר וסת און אפזונדערן זיך, אין די פריער־דערמאנטע דריי־ערליי וסת צייטן: וסת החודש (טאג אין חודש), וסת הפלגה (צווישן צייט), און עונה בינונית (דורכשניטליכער וסת).

כדי דאס גרונדליכער צו ערקלערן, ברענגען מיר די ווייטערדיגע משל: צום ביישפיל, אויב אין א' ניסן, דאס הייסט אין ראש החודש, האט זי באקומען א בלוטונג, דעמאלס, ערווארט זי איר וסת אין דעם ערשטן טאג ראש חודש אייר (ל' ניסן), וועגן עונה בינונית (30 טעג), און אויך אין דעם צווייטן טאג ראש חודש (א' אייר), וועגן וסת החודש. אבער, אויב זי האט נאך בעפאר די דאזיגע טעג נאכאמאל באקומען בלוטונג, צום ביישפיל, אין כ' ניסן, דעמאלס, אין דעם צווייטן טאג ראש חודש אייר, דארף זי נאך ערווארטן איר וסת, (ווייל דער וסת החודש ענדערט נישט זיין טאג), אבער אין דעם ערשטן טאג ראש חודש, אלס עונה בינונית, אין דעם פאל, דארף זי דאס נישט ערווארטן, און שטאטס דעם, אין דעם 30־טן

טאג, גערעכנט פון כ׳ ניסן (דער לעצטער וסת), דארף זי ערווארטן איר וסת, אלס עונה בינונית. און אויב, אין א׳ אייר איז דער וסת נישט געקומען, דארף זי אין ט׳ אייר ערווארטן איר וסת, אלס וסת הפלגה פון 20 טעג, (וואס דאס איז די זעלבע צווישן־צייט ווי פון א׳ ניסן — כ׳ ניסן, אריינגערעכנט אויך דעם ערשטן טאג פוןביידע בלוטונגען, אזוי ווי מ׳רעכנט יעדעס מאל).

אויב אבער, ווען אויך אין א׳ אייר האט זי באקומען א בלוטונג, דעמאלס, דארף זי אין ט׳ אייר נישט צו ערווארטן, נור שטאטס דעם, דארף זי ערווארטן איר וסת אין כ׳ אייר, סיי וועגן וסת החודש און סיי וועגן וסת הפלגה, (ווייל דער וסת הפלגה פון 20 טעג איז נאך נישט בטל געווארן, מיט דעם, וואס זי האט די וסת פריער באקומען, דעריבער, מוז זי נאך אויף דעם רעכנען), ווייל א וסת הפלגה רעכנט מען שטענדיג פון דעם לעצטן בלוטונג. און אין יב׳ אייר, דארף זי אויך ערווארטן וועגן וסת הפלגה, ווייל צווישן כ׳ ניסן — א׳ אייר, איז אויך 12 טעג. און ווייל אין כ׳ ניסן איז געווען בלוטונג, דארף זי אין יעדן פאל אין כ׳ אייר ערווארטן איר וסת אלס וסת החודש, אפילו אין א׳ אייר איז אויך געווען בלוטונג. אויב אין א׳ אייר איז איר וסת נישט געקומען, דארף זי אין א׳ סיון נישט ערווארטן (ווייל עס איז שוין בטל געווארן).

אויב אין ט׳ אייר האט זי באקומען איר וסת, דעמאלס, דארף זי דעם וסת ערווארטן אין כח׳ אייר אלס וסת הפלגה פון 20 טעג, ווייל צווישן כ׳ ניסן —

ט׳ אייר איז אויך געווען דער צווישן־צייט 20 טעג. און אויב אין כח׳ אייר האט זי אויך באקומען איר וסת, איז מיט דעם דער וסת הפלגה פון 20 טעג געווארן א באשטימטער (וסת קבוע), ווייל צווישן די 4 בלוטונגען נאכאנאנד, איז 3 מאל דאס זעלבע צאל דער צווישן־צייט, דאס הייסט; א׳ ניסן — כ׳ ניסן. כ׳ ניסן — ט׳ אייר. ט׳ אייר — כח׳ אייר. (און פון יעצט אן ווייטער, דארף זי נור צו דער וסת ערווארטן, אויסער ביי אנ׳ענדערונג, זעה ווייטער פונקט יג׳).

מיר וואלטן געקענט ווייטער פירן דעם משל, פארלייגענדיג פאר די ליינערס סאך אזעלכע פארשידן־ארטיגע מעגליכקייטן, נור מיר מוזן זיך פון דעם אפזאגן, ווייל די ערקלערונגען וואלטן זיך צו לאנג פארצויגן. אויך מיט דעם פריערינן משל האבן מיר נור געוואלט אויפווייזן, און צו ערוועקן, אז ווי ווייט די אויפמערקזאמקייט פון א ערליכע אידישע פרוי מוז גרייכן, און האלטן פאר א הייליגן פליכט ביי א יעדע צווייפל אדער באמערקענדיג די מינדסטע ענדערונג, זאל זי מיט איר שאלה, זיך ווענדן צו א פארלעסליכן רב.

יב. דא מוזן מיר נאכאמאל אנווייזן אויף דעם וויכטיגקייט; דאס יעדע פרוי זאל פארצייכנען אין א יידישע קאלענדער „לוח" (אדער אין „די וסתות פאר־צייכנונגען) פונקטליך די צייט ווען דאס בלוטונג האט זיך אנגעהויבן, איבערהויפט ווען זי האט נישט קיין באשטימטן וסת (קבוע). זי זאל יעדעס מאל אנצייכנען דעם טאג אדער נאכט פון דער וואך, אין וועלכן דאס

בלוטונג האט זיך ביי איר אנגעהויבן, און אויך באַ־מערקן, וועלכער טאג דאס איז אין חודש, און וויפיל טעג איז אדורך פון איין אנהייב בלוטונג ביז צום צווייטן, אז זי זאל דורך דעם זיין קלאר אין די דאטנס און אויסרעכענונגען פון דער וסת החודש, וסת הפלגה און עונה בינונית, וואס דאס איז איר זעלבסט, וויכטיג, און ביי א פארקומענע שאלה וועט זיך דער רב אויך פון איר פינקטליכע אויפצייכנונגען, לייכט קענען זיך אוריענטירן (אויסקענען), און דער רב וועט האבן דאס מעגליכקייט די שאלה'דיגע טעג אויף די מינימום רעדאצירן, איבערהויפט, ווען די בלוטונגען הויבן זיך אָן אלץ, אלץ, אין אנדערע טעג, דורך דעם פונקטליכן אויפצייכנונגען, איז גרינג פעסטשטעלן, אין וועלכע טעג מען מוז זיך אפזונדערן, און אין וועלכע נישט.

## דער סדר, ווי אזוי א באשטימטער וסת ווערט בטל (מער נישט ערווארטעט).

יג. אויך ווענן א באשטימטער וסת האלטן מיר וויכטיג צו אינפורמירן, און שרייבן אין קורצן א משל: צום ביישפיל, אויב א צוואנציג טאג'דיגע וסת הפלגה איז געווארן א באשטימטער, און איינמאל איז דאס אויסן געבליבן, און זי האט ערשט אין דעם 30־טן טאג באקומען איר וסת (דאס הייסט, מיט 10 טאג שפעטער), דאך, דארף זי אין דעם 20־טן טאג גערעכנט פון דעם לעצטע בלוטונג ערווארטן איר וסת, לויט איר באשטימטער וסת הפלגה אויף 20 טעג, וועלכער ווערט נישט בטל, סיידן, אויב דער דאזיגער צייט גייט אדורך דריי מאל

נאכאנאנד, אהנע בלוטונג. און אויב ביים צווייטן מאל האט זי אויך נישט באקומען איר וסת אין 20־טן טאג, דארף זי פון די לעצטע בלוטונג, אין דעם 30־טן טאג צו ערווארטן, אלס א נישט באשטימטער וסת הפלגה, ווייל אזויפיל טעג איז געוועזן צווישן די צוויי לעצטע בלוטונגען, און אויב, אויך ביים צווייטן מאל האט זי אין דעם 30־טן טאג באקומען איר בלוטונג, דאך, דארף זי נאך אלץ אין דעם קומענדיגן 20־סטער טאג ערווארטן איר וסת. אויב יעצט, ביים דריטן מאל איז אויך נישט געוועזן קיין בלוטונג אין דעם 20־טן טאג, (דארף זי ביז דערווייל מיט דעם 20 טאג'דיגע וסת מער נישט רעכענען, אבער), דארף זי אין דעם 30־טן טאג ווייטער צו ערווארטן, און אויב זי האט טאקע אין דעם טאג, צום דריטן מאל, ווידער באקומען דעם וסת, מיט דעם איז געווארן, דער 30 טאג'דיגע וסת הפלגה א באשטימטער, (קבוע), (און דער 20 טאג'דיגע וסת הפלגה, קבוע, איז אין גאנצן בטל געווארן).

אבער ווען די בלוטונג איז נור 2 מאל געקומען צו 30 טעג, און נאכדעם ווידער אין דעם 20־טן טאג, דעמאלס, דער 20טאג'דיגע וסת קבוע, איז צוריק אין פולן קראפט, און מיט דעם 30 טאג'דיגע נישט באשטימטער וסת דארף זי זיך — ביי דעם פאל — מער נישט רעכענען.

און אויך, ווען זי האט שוין דריי מאל נישט באקומען איר וסת אין דעם 20־טן טאג, נור ווי צום ביישפיל: צוויי מאל אין 30־טן און איינמאל אין 32

־טן טאג (וואס די 3 צווישן צייטן, זענען נישט געווען איינציגע), און נאכדעם, האט זי צוריק באקומען איר וסת אין דעם 20־טן טאג, דעמאלס, איז דער 20 טאג'דיגער וסת צוריק א באשטימטער, ווי דאס איז געווען פריער. (דאס איז, ווייל ס'איז איר דערצווישן נישט באשטימט געווארן אנ'אנדערע וסת, אבער, ווען זי האט באשטימט אנ'אנדערע וסת קבוע, דעמאלס, אויב זי האט ווידער באקומען צו 20 טעג, איז דאס נור ווי א נייער נישט באשטימטער וסת, וועלכער איז שוין פריער ערקלערט).

**באמערקונג!** אין דעם פונקט יג' ווערט נור געמאלדן פון וסת קבוע וואס האלט ביים בטל ווערן, און וועלכעם עס האלט א קבוע צו ווערן, אבער נישט פון אנדערע וסתות. מער אויספירלעך, זעה ווייטער די רעכנונג פון די דריי הויפט וסתות, אויך, די טאוולען

## א פרוי אין די שוואנגער צייט, און נאכן געבורט.

יד. א פרוי נאך די דריי חדשים שוואנגערשאפט, דארף זי מער נישט צו ערווארטן סיי איר באשטימטער און סיי איר נישט באשטימטער וסת וואס זי האט געהאט בעפאר דעם, ביז 24 חדשים נאכן געבורט. אבער, אויב זי האט אין דער דאזיגער צייט באקומען בלוטונג, דארף זי זיך אויף דעם רעכענען, און ביי די קומענדיגע וסת צייט, צו ערווארטן, ווי ביי א נישט (אום) באשטימטער וסת. און זעלבסט פארשטענדליך, אז אויך אין דער צייט, דאס מיינט; ווען זי איז שוואנגער, און נאכן געבורט, און

יעדעס מאל ווען זי באקומט בלוטונג, איז זי א נדה! און זי דארף מאכן הפסק טהרה, ציילן זיבן ריינע טעג, און זיך טובל'ן, אלעס ווי אניאנדערסמאל.

טו. נאכדעם וואס די שוואנגער טעג, און די 24 חדשים נאכן געבורט זענען פאריבער, דארף זי ווידער צו ערווארטן איר באשטימטער וסת (קבוע), וואס זי האט געהאט בעפאר די שוואנגער צייט. ביי א וסת החודש שוין ביי די ערשטע געלעגנהייט, אבער ביי א וסת הפלגה, דארף זי צום ערשט איינמאל באקומען דאס בלוטונג, און נאכדעם ערווארטן לויט די פריערינע צווישן צייט.

**באקאנטמאכונג!**

אין ערשטן פרק פונקט א. און אין גאנצן פרק ח. שרייבן מיר די דינים פון די דערוויטערונג, פון נאכדעם וואס זי איז געווארן א נדה. אבער די דינים פון די אפזונדערונג, בעפאר מ'ערווארט דעם וסת, ווערן ערקלערט אין פרק ט.

# אין קורצן, די רעכנונג פון די דריי הויפט וסתות (פעריאדן).

בס"ד

א. פרוי, ביז ווי לאנג עס איז איר נאך נישט באשטימט געווארן איינע פון די פארשידענע וסתות צו א געוויסע צייט, דארף זי שטענדיג ערווארטען איר וסת לויט די דריי פאלגענדע רעכנונגען: וסת החודש (טאג פון חודש), וסת הפלגה (צווישן צייט), און אויך לויט עונה בינונית (דורכשניטליכער צייט). און אויב זי האט יא א באשטימטע וסת, דאס הייסט: זי האט בעקומען איר בלוטונג דריי מאל נאכאנאנד, צו די זעלבע גלייכע צייטן, דארף זי ווייטער נישט ערווארטן נור לויט דער באשטימטער וסת, זעה אויך ווייטער.

### וסת החודש:

דאס הייסט, אין וועלכן טאג פון דעם חודש (דאטום) עס האט זיך אנגעפאנגען איר וסת (בלוטונג), דארף זי אין דעם זעלבן טאג אין קומענדיגן חודש ערווארטן דעם וסת (לויט דעם אידישן לוח). צום ביישפיל, אויב זי האט בעקומען בלוטונג י"ב ניסן, דארף זי ערווארטן אין י"ב אייר. און אויב זי האט דאס דעמאלס בעקומען, און אויך אין י"ב סיון, הייסט דאס א באשטימטער וסת; וסת החודש קבוע.

**וסת הפלגה:**

דאָס הייסט, וויפיל טעג עס זענען אַדורך פון איין אָנפאַנג וסת ביז צום אַנדערן אָנפאַנג וסת, נאָך אַזוויפיל צאָל טעג דאַרף זי ערוואַרטן איר קומענדיגן וסת צום צווייטן מאָל. און אויב זי האָט דאָס דעמאָלס בעקומען, און ביים דריטן מאָל אויך צו דער זעלבער צייט, איז דאָס געוואָרן אַ באַשטימטער וסת; וסת הפלגה קבוע. (ווי מיר זעהען, צווישן די פיר (4) בלוטונגען נאָכאַנאַנד איז געוועזן דריי (3) גלייכע צווישן צייטן). ווי צום ביישפּיל, אויב זי האָט בעקומען איר וסת: י"ב ניסן—(31)—י"ב אייר—(31)—י"ג סיון—(31)—י"ג תמוז, איז דער וסת אַ באַשטימטער צו 31 טעג צווישן צייט, און לויט דעם ערוואַרט זי די נעהנסטע וסת; י"ד אב.

**עונה בינונית:**

דאָס הייסט, — נור, ווען זי האָט נישט קיין באַשטימטן וסת — אויב ביז 30 טעג זייט דעם ערשטן טאָג פון איר לעצטער וסת (אַריינרעכנדיג אויך דעם ערשטן טאָג), האָט זי נאָך נישט בעקומען איר וסת, דאַרף זי אין דעם 30סטן טאָג* ערוואַרטן דעם דורכשניטליכן וסת; עונה בינונית. צום ביישפּיל, אויב די לעצטע וסת האָט זי בעקומען; מאָנטאָג, איז דער 30סטער טאָג, נאָך פיר (4) וואָכן; דינסטאָג.

* לויט מעניגע, אויך אין דעם 31סטער טאָג

**כלל א'**

אין וועלכן טייל פון טאָג זי האָט בעקומען איר

וסת, דאס הייסט: בייטאג אדער ביינאכט, אין דעם זעלבן טייל פון טאג דארף זי ערווארטן (און אונטערזוכן) ביי דער קומענדיגן וסת־צייט, (אבער די אפזונדערונג (פרישה) דארף זיין שוין אויך פון בעפאר, מיט א טאג־טייל). און אויך נור אין דעם פאל ווערט דער וסת א באשטימטער (קבוע), ווען אלע מאל האט זיך דער וסת אנגעפאנגען בייטאג אדער אלע מאל ביינאכט. ביי א וסת הפלגה אבער, ווערט דער וסת באטראכט צו געוויסע פאלן (לחומרא) ווי א באשטימטער, אויך ווען די וסתות האבן זיך אנגעפאנגען אמאל בייטאג און אמאל ביינאכט, (אויב נור די צאל טעג פון די צווישן צייטן זענען געווען גלייכע).

## כלל ב'

א פרוי, וועלכע האט נאך נישט קיין וסת קבוע, אויב זי האט בעקומען די בלוטונג אין א געוויסן טאג אין חודש און דער טאג איז אויך נאך א געוויסע הפלגה, און די נעהנסטע־מאל האט זי נישט בעקומען איר וסת אין זעלבן טאג פון חודש, אדער ביז עס איז אדורך די זעלבע צאל טעג, דעמאלס; לויט וועלכן וסת־צייט זי האט נישט בעקומען איר וסת נאכאמאל, דארף זי אויף דער וסת־צייט נישט ערווארטן ווייטער (נור לויט די ענדערונג). און אזוי אויך, אויב זי האט שוין צוויי מאל בעקומען צו דער זעלבער צייט, און ביים דריטן מאל, געענדערט, פאלט אויך אוועק די פריערדיגע וסת־צייט. און נאך מער, אויב אפילו נאך די ענדערונג, האט זי ווידער בעקומען צו דער זעלבער וסת־צייט ווי שוין

איינמאל אדער צוויי מאל פון בעפאר, ווערט דאס נור גערעכנט ווי א נייע וסת־צייט, וואס ביים ערשטן ענדערונג, רעכנט זי מיט דעם נישט ווייטער.

## כלל ג׳

אויב זי האט א באשטימטן וסת, און דערנאך האט זיך דער וסת געענדערט, דארף זי ווייטער ערוואַרטן צו איר באשטימטער וסת, און אויך צו די ענדערונג; לויט דער וסת החודש און לויט די וסת הפלגה, אבער נישט צו עונה בינונית. אויב די ענדערונג איז געווען דריי מאל נאכאנאנד (אבער נישט גלייכע), דארף זי נישט ווייטער ערוואַרטן — פארלייפיג — איר וסת קבוע, נור צו די ענדערונג: לויט וסת החודש, וסת הפלגה און אויך צו עונה בינונית. ווען אבער, זי האט צוריק בעקומען — אפילו נור איינמאל — לויט איר באשטימטן וסת, דארף זי נישט ווייטער ערוואַרטן נור צו דעם באשטימטן וסת און נישט לויט די אנדערע, און ווידער נור נאך דריי ענדערונג, רעכנט זי מיט דעם נישט ווייטער. אבער, אויב איר באשטימטער וסת האט געענדערט (מיט דריי גלייכע וסת צייטן) צו אנ׳אנדערע וסת קבוע, דארף זי נור רעכנען לויט די צווייטע וסת קבוע, און דער ערשטער וסת קבוע איז אין גאנצן בטל געווארן, און אויב זי האט נאכאמאל בעקומען צו דער צייט פון די ערשטע וסת קבוע, איינמאל אדער צוויי מאל, איז דאס נור ווי א נייע וסת־צייט, און מיט איין ענדערונג ווערט דאס בטל, ווי שוין פריער דערמאנט.

**כלל ד׳**

א וסת טאג ווערט נור אין דעם פאל בטל, אויב דער טאג אין חודש און (אדער) דער זעלבער צאל צווישן צייט טעג זענען אדורך אהן בלוטונג, (און ביי א קבוע, דריי מאל, זעה כלל ג׳). דעריבער, אויב זי האט שוין נאך־בעפאר די וסת טאג (טעג) — אין וועלכן זי האט גערעכנט צו ערווארטן — בעקומען א צווייטע בלוטונג, דעמאלס: ביי א „וסת החודש", דארף זי נאך ערווארטן אין דער גערעכנטער צייט, ווייל דער וסת החודש ענדערט נישט זיין טאג, (און וועגן דעם, דארף זי זיין אויפמערקזאם אויף דעם „וסת טאג" אפילו דאס איז אין אזעלכע טעג ווען צום ביישפיל זי איז אהן דעם אויך פארבאטן צו איר מאן, אויב זי מערקט נישט קיין בלוטונג), און אויך דארף זי ערווארטן צו דער טאג פון צווייטן אנפאנג בלוטונג, אין קומענדיגן חודש אין דעם זעלבן טאג (זעה אויך כלל ג׳). אבער ביי א „וסת הפלגה", אויב דער וסת איז געקומען פריער, (און ביי א וסת הפלגה קבוע, אפילו שפעטער), דארף זי ערווארטן סיי די ערשטע צאל צווישן צייט און סיי די צווייטע, פון דעם לעצטן בלוטונג. און אויך ביי א „עונה בינונית" (אויב זי האט שוין בעקומען איר וסת בעפאר דעם 30סטן טאג), ערווארט זי נישט מער צו דער פריערינער רעכנונג, נור זי רעכנט דאס פון דעם „לעצטן בלוטונג".

♦

די פּרויען וועלכע זייער וסת אנקום איז פאַרבונדן מיט קערפּערליכע ערשיינונגען דאס הייסט; וסת הגוף. צום ביישפּיל; קאָפּף שמערצן, שווערקייט אין די גלידער אדער זי גענעצט אדער זי ניעסט מערערעמאל איינע נאך די אנדערע און דאס גלייכע. ווען זי בעקומט די ערשיינונג, אהן קיין אונטערשייד ווען דאס איז, דאַרף זי זיך אפּזונדערן און אונטערזוכן. עס איז גלייך אויפצייכנען יעדעסמאל די צייט, ווען די ערשיינונג קומט אן, און ווי לאנג דאס דויערט. און וועגן מער איינצלהייטן דאַרף זי אדורך רעדן מיט א רב, סיי ווען נור איינמאל איז געקומען דער וסת מיט א קערפּערליכע ערשיינונג און סיי דער וסת הגוף איז באשטימט געווארן צו א געוויסן טאג, פעסטצושטעלן די פּונקטליכע צייט פון אפּזונדערונג.

# אַכטונג!

די אויבענדערמאָנטע הלכות געבן א קורצן איבערבליק ווי אזוי צו רעכנען די טעג פון פורש זיין סמוך לוסתה, און עס איז מעהר נישט ווי אַ הילף צו די רעכנונג פון די עפּטער פאָרקומענדע וסתות, אָבער עס ענטהאלט נישט די קאָמפּלעטע הלכות פון פרישה סמוך לוסתה, ווייל די הלכות פון וסתות זענען לאַנג און אין אַ געוויסער מאָס אויך קאָמפּליצירט. אויך זענען פאַרהאַנען נאָך פיהלערליי וסתות (ווי צום ביישפּיל: וסת הסירוג והדילוג, וסת הגוף והקפיצות, וסת בתוך וסת). דעריבער אויב מען איז נישט געני קלאָהר אין די

הלכות, אָדער אין פאַל פון א ספק, זאָל מען פרעגן א קאָמפּעטענטן רב (נעמט מיט דעם טאָוועל* צום רב). און ער וועט אייך העלפען האָבען נוצען פון דער טאָוועל אויפן ריכטיגן אופן.

* זעה דאס בילד אויף זייט 116

יאהר:

# רשימת הווסתות

## אויפצייכנונג פון די פעריאדן

**אויס צו רעכנען די טעג וואס מען דארף ערוואַרטען דעם פעריאָד לויט די הלכות פון שלחן ערוך**

| משל | 1* יום השבוע טאג אדער נאכט פון דער וואך | 2* יום החודש טאג פון חודש | 3* ימי הפלגה די צווישן צייט | 4* יום למספרם נאציאנאל דאטום | 5* כאיזה יום צריך לחוש להנעת הוסת די טעג ווען מען דארף ערווארטן דעם וסת |
|---|---|---|---|---|---|
| וסת א' | מיטוואך טאג | י"ב ניסן | | | דאנערשטאג י"א אייר [ד"ו] — פרייטאג י"ב אייר [ח"ו] |
| וסת ב' | דינסטאג טאג | ט' אייר | 28 | | (פרייטאג י"ב אייר [ח"ו]) — מאנטאג ז' סיון [צ"ו]<br>מיטוואך ט' סיון [ר"ו, ח"ו] — (דאנערשטאג, י' סיון [ד"ו]) |
| וסת ג' | נאכט צו זונטאג בז"א 5:12 | י"נ סיון | 34 | | נ"צ מאנטאג י"ב תמוז [ד"ו] — נ"צ דינסטאג, י"נ תמוז [ח"ו]<br>נ"צ פרייטאג ט"ז תמוז [צ"ו] |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |
| | | | | | |

**רשימה כזו מוגדלת**
**אפשר להשיג אצלינו חינם**

אבגעקורצטע ווערטער: ת"ו—חודש וסת, צ"ו—צווישן צייט וסת, ד"ו—דורכשניטליכער וסת, בז"א—בעפאר זון־אויפגאנג, נ"צ—נאכט צו.

1* למשל: זונטאג־טאג, דינסטאג־נאכט. א.ד.ג. אויב דער וסת האט זיך אנגעפאנגען אין אנפאנג טאג אדער אנפאנג נאכט. דעמאלט זאל מען אויך די פינקטליכע שעה און מינוט אויפצייכנען, כדי צו ערמעגליכען דאס מען זאל קענען שפעטער פעסטשטעלן אויב די צייט ווערט גערעכענט אלס טאג אדער נאכט.

2* למשל: ניסן צוועלף (12), אייר נין (9). א.ד.ג. די נאכט איז אלעמאהל גערעכענט פאר א טייל פון דעם מארגענדיגען טאג.

3* אין דעם קעסטעל דארף מען אריינשרייבן די צאהל פון טעג צווישן דעם אנפאנג פון פאריגן וסת און דעם אנפאנג פון יעצטיגן וסת. למשל: אויב דער לעצטער וסת האט זיך אנגעפאנגען מיטוואך, און יעצט האט עס זיך אנגעפאנגען דינסטאג פיר וואכן שפעטער, דעמאלט איז די צאהל פון די טעג צווישן די ווסתות אכט און צוואנציג (אריינרעכענדיג די אנפאנג טעג פון בידע ווסתות). ממילא קומט דאס פארצייכענט אלס א אכט און צוואנציג (28) טאגיגע הפלגה. א.ד.ג.

4* דינט נאר צו פארהיטן פון א טעות. אבער עס קומט נישט אין באטראכט אלס א וסת נאר דער טאג פון יודישן חודש.

5* דאס קעסטעל איז אויף אריין צו שרייבן די אויסגערעכנטע טעג אין וועלכע מען דארף זיך אפשיידן און בודק זיין. למשל: מאנטאג סיון זיבן (7), מיטוואך סיון ניין (9) און דאנערשטאג סיון צעהן (10).

**די ערקלערונג ווי אזוי צו רעכנען די טעג וואו די עטלעכע פארקומענדע ווסתות פאלגט אויף די צווייטע זייט.**

**וסת א':** דער ערשטער וסת (בלומונג) האט זיך אנגעפאנגען מיטוואך י"ב ניסן: (ביים ערשטן וסת איז נאך נישט דא קיין צווישן צייט, דעריבער איז דער קעסטל 3* לעהר), דארף זי צייכנען אין קעסטל 5* — י"א אייר — ווענן „עונה בינונית" (30סטער טאג), אויך — י"ב אייר — ווענן „וסת החודש" (פון י"ב ניסן).

**וסת ב':** ביים צווייטן מאל איז דער וסת געקומען בעפאר די פריער דערמאנטע צייטן; דינסטאג ט' אייר, דארף זי צייכנען אין קעסטל 3* „28" די צווישן צייט טעג (אריינרעכנדיג אויך דעם ערשטן טאג פון בידע ווסתות). און אין י"ב אייר דערמאנט ביי וסת א' קעסטל 5* ווענן ערווארטונג, איז נור, אויב די בלומונג האט שוין ביז דעמאלט אויפגעהערט (זעה צווייטע זייט כלל ר'), ווייל אויב נישט, דארף זי דאס ערווארטן אין י"ב סיון, דארף זי צייכנען אין קעסטל 5* — ז' סיון — ווענן „וסת הפלגה" (ווייל דאס איז דער 28סטער טאג אין וועלכן זי דארף ערווארטן), — ט' סיון — ווענן „וסת החודש" און ווענן „עונה בינונית" (ווייל לויטן יעצטיגער משל קומט־אויס ביידע אין איין טאג). (און לויט מנהגים אויך אין — י' סיון — ווענן „עונה בינונית", זעה די צווייטע זייט).

**וסת ג':** ביים דריטן מאל איז דער וסת געקומען מוצאי שבת, דאס הייסט: נאכט צו זונטאג י"נ סיון (בעפאר זון־אויפגאנג), דארף זי צייכנען אין קעסטל 3* „34", די צווישן צייט טעג, און אין קעסטל 5* — י"ב תמוז — ווענן „עונה בינונית", — י"נ תמוז — ווענן „וסת החודש" — ט"ז תמוז — ווענן „וסת הפלגה" (דער 34סטער טאג).

## עדקלערונג, פון די אויפצייכנונגען, אין די „רשימת הוסתות"

**אבגעקורצטע ווערטער: ח"ו—חודש וסת, צ"ו—צווישן צייט וסת, ד"ו—דורכשניטליכער וסת, בז"א—בעפאר זון־אויפגאנג, נ"צ—נאכט צו.**

### משל

**וסת א':**

דער ערשטער וסת (בלוטונג) האט זיך אנגעפאנגען מיטוואך י"ב ניסן: (ביים ערשטן וסת איז נאך נישט דא קיין צווישן צייט, דעריבער איז דער קעסטל 3* לעהר), דארף זי צייכנען אין קעסטל 5* — י"א אייר — וועגן „עונה בינונית" (30סטער טאג), אויך — י"ב אייר — וועגן „וסת החודש" (פון י"ב ניסן).

**וסת ב':**

ביים צווייטן מאל איז דער וסת געקומען בעפאר די פריער דערמאנטע צייטן; דינסטאג ט' אייר, דארף זי צייכנען אין קעסטל 3* „28" די צווישן צייט טעג (אריינרעכנדיג אויך דעם ערשטן טאג פוןביידע וסתות). און אין י"ב אייר דערמאנט ביי וסת א' קעסטל 5* וועגן ערווארטונג, איז נור, אויב די בלוטונג האט שוין ביז דעמאלס אויפגעהערט (זעה וסת רעכנונג כלל ד'), ווייל אויב נישט, דארף זי דאס ערווארטן אין י"ב סיון. דארף זי צייכנען אין קעסטל 5* — ז' סיון — וועגן „וסת הפלגה" (ווייל דאס איז דער 28סטער טאג אין וועלכן זי דארף ערווארטן), — ט' סיון — וועגן „וסת החודש" און וועגן „עונה בינונית" (ווייל לויטן יעצטיגער משל קומט־אוים ביידע אין איין טאג), (און

לויט מעניגע אויך אין -- י' סיון — וועגן „עונה בינונית", זעה וסת רעכנונג).

**וסת ג':**

ביים דריטן מאל האט דער וסת געשפעטיגט ביז מוצאי שבת, דאס הייסט: נאכט צו זונטאג-י"ג סיון-(בעפאר זון־אויפגאנג), [זענען די גערעכנטע וסת צייטן פון וסת ב' קעסטל 5* בטל געווארן, ווייל זי האט ערווארט און נישט בעקומען], דארף זי צייכנען אין קעסטל 3* "34", די צווישן צייט טעג, און אין קעסטל 5* — י"ב תמוז — וועגן "עונה בינונית", — י"ג תמוז — וועגן "וסת החודש", — ט"ז תמוז — וועגן "וסת הפלגה" (דער 34סטער טאג).

| LUACH | א 1 | ב 2 | ג 3 | ד 4 | ה 5 | ו 6 | ז 7 | ח 8 | ט 9 | י 10 | יא 11 | יב 12 | יג 13 | יד 14 | טו 15 | טז 16 | יז 17 | יח 18 | יט 19 | כ 20 | כא 21 | כב 22 | כג 23 | כד 24 | כה 25 | כו 26 | כז 27 | כח 28 | כט 29 | ל 30 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ניסן NISSAN | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| אייר IYAR | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| סיון SIVAN | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| תמוז TAMUZ | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| אב AV | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| אלול ELUL | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| תשרי TISHRI | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| חשון CHESVAN | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| כסלו KISLEV | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| טבת TEVETH | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| שבט SHEVAT | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| אדר ADAR | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
| אדר ב׳ ADAR 2 | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |

**סדר החדשים:** ״לוח״ יהודי נתחלק באופן זה: השנה י״ב חדשים, בשנת עיבור י״ג חדשים, החדשים חשון וכסלו הם פעמים כל אחד מלא; 30 יום, ופעמים חסר; 29 יום, או כסדרן; חשון 29, כסלו 30, כמו שאר החדשים. ובפרטן: ניסן 30, אייר 29, סיון 30, תמוז 29, אב 30, אלול 29, תשרי 30, חשון 29 — 30, כסלו 30 — 29, טבת 29, שבט 30, אדר 29, אדר ראשון 30, אדר שני 29.

# משל א׳

פרק ט׳ סעיף י״א

| חוששת | ראש חודש | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא | נעקר ראייתה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | **אופן א׳** | | | | | |
| | ״ | 1 | ניסן | — | — | — | — | ר׳ | — |
| ח׳ | ״ | 30 | ניסן | — | עו״ב | — | — | ל״ר | — |
| ח׳ | ״ | 1 | אייר | ו״ח | — | — | — | ל״ר | נ״ר |

לעת עתה אין לה מה לחשוש

## אופן ב׳

| חוששת | ראש חודש | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא | נעקר ראייתה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | ״ | 1 | ניסן | — | — | — | — | ר׳ | — |
| | | 20 | ניסן | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | — |
| ח׳ | ״ | 1 | אייר | ו״ח | — | — | — | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | | 9 | אייר | — | — | הפ׳ | 20 | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | | 19 | אייר | — | עו״ב | — | — | ל״ר | — |
| ח׳ | | 20 | אייר | ו״ח | — | — | — | ל״ר | נ״ר |

לעת עתה אין לה מה לחשוש

## אופן ג׳

| חוששת | ראש חודש | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא | נעקר ראייתה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | ״ | 1 | ניסן | — | — | — | — | ר׳ | — |
| | | 20 | ניסן | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | — |
| ח׳ | ״ | 1 | אייר | ו״ח | — | והפ׳ | 12 | ר׳ | — |
| ח׳ | | 12 | אייר | — | — | הפ׳ | 12 | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | | 20 | אייר | ו״ח | — | והפ׳ | 20 | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | ״ | 1 | סיון | ו״ח | עו״ב | — | — | ל״ר | נ״ר |

לעת עתה אין לה מה לחשוש

| חוששת | ראש חודש | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא | נעקר ראיתה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|

## אופן ד׳

| חוששת | ראש חודש | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא | נעקר ראיתה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | ״ | 1 | ניסן | — | — | — | — | ר׳ | — |
| | | 20 | ניסן | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | — |
| ח׳ | ״ | 1 | אייר | ו״ח | — | — | — | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | | 9 | אייר | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | — |
| ח׳ | | 20 | אייר | ו״ח | — | — | — | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | | 28 | אייר | — | — | הפ׳ | 20 | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | | 9 | סיון | ו״ח | עו״ב | — | — | ל״ר | נ״ר |

לעת עתה אין לה מה לחשוש

## אופן ה׳

| חוששת | ראש חודש | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא | נעקר ראיתה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | ״ | 1 | ניסן | — | — | — | — | ר׳ | — |
| | | 20 | ניסן | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | — |
| ח׳ | ״ | 1 | אייר | ו״ח | — | — | — | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | | 9 | אייר | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | — |
| ח׳ | | 20 | אייר | ו״ח | — | — | — | ל״ר | נ״ר |
| ח׳ | | 28 | אייר | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | — |

נקבע וסת הפלגה לעשרים

יש הרבה מחמירים „שעונה בינונית״ היא גם היום ל״א.

### לוח ראשי תיבות

ח׳ — חוששת
ו״ח — וסת החודש
עו״ב — עונה בינונית
הפ׳ — וסת הפלגה
חו״ק — חזר וסתה קבוע

ר׳ — ראתה
נ״ר — נעקר ראיות וסתה
ו״ק — וסת קבוע
וש״ק — וסת שאינו קבוע
ל״ר — לא ראתה

# משל ב׳

פרק ט׳ סעיף י״ג

| חוששת | וסת קבוע | שאינו קבוע | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא | נעקר ראייתה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|

## אופן א׳

| חוששת | וסת קבוע | שאינו קבוע | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| — | ו״ק | — | 28 | אייר | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ |
| ח׳ | ו״ק | — | 18 | סיון | — | — | הפ׳ | 20 | ל״ר |
| — | שינתה | — | 28 | סיון | — | — | הפ׳ | 30 | ר׳ |
| ח׳ | ו״ק | — | 17 | תמוז | — | — | הפ׳ | 20 | ל״ר |
| *ח׳ | — | ש״ק | 27 | תמוז | — | — | הפ׳ | 30 | ר׳ |
| ח׳ | ו״ק | — | 17 | אב | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ |

חזר הקבוע ואינה חוששת לאינו קבוע

## אופן ב׳

| חוששת | וסת קבוע | שאינו קבוע | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא | נעקר ראייתה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| — | ו״ק | — | 28 | אייר | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | |
| ח׳ | ו״ק | — | 18 | סיון | — | — | הפ׳ | 20 | ל״ר | |
| — | שינתה | — | 28 | סיון | — | — | הפ׳ | 30 | ר׳ | |
| ח׳ | ו״ק | — | 17 | תמוז | — | — | הפ׳ | 20 | ל״ר | |
| *ח׳ | — | ש״ק | 27 | תמוז | — | — | הפ׳ | 30 | ר׳ | |
| ח׳ | ו״ק | — | 17 | אב | — | — | הפ׳ | 20 | ל״ר | |
| נעקר לעת עתה הפלגת עשרים | | | | | | | | | | |
| ח׳ | — | ש״ק | 27 | אב | ו״ח | ע״ב | הפ׳ | 30 | ל״ר | נ״ר |
| *ח׳ | — | ש״ק | 28 | אב | ו״ח | — | — | — | ל״ר | נ״ר |
| — | שינתה | — | 29 | אב | — | — | הפ׳ | 32 | ר׳ | |
| | חו״ק | — | 18 | אלול | — | — | הפ׳ | 20 | ר׳ | |

חזר הקבוע כיון שלא קבעה וסת אחר בנתיים

| חוששת | וסת קבוע | שאינו קבוע | יום | חודש | וסת החודש | עונה בינונית | הפלגה | לכמה ימים | ראתה או לא |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **אופן ג'** | | | | | | | | | |
| — | ו"ק | — | 28 | אייר | — | — | הפ' | 20 | ר' |
| ח' | ו"ק | — | 18 | סיון | — | — | הפ' | 20 | ל"ר |
| — שינתה — | | | 28 | סיון | — | — | הפ' | 30 | ר' |
| ח' | ו"ק | — | 17 | תמוז | — | — | הפ' | 20 | ל"ר |
| *ח' | — | ש"ק | 27 | תמוז | — | — | הפ' | 30 | ר' |
| ח' | ו"ק | — | 17 | אב | — | — | הפ' | 20 | ל"ר |
| נעקר לעת עתה הפלגת עשרים | | | | | | | | | |
| ח' | — | ש"ק | 27 | אב | ו"ח | ע"ב | הפ' | 30 | ר' |

נקבע שלשים ונעקר עשרים לגמרי

• כשראתה 27 תמוז ונמשכה ראייתה גם ביום 28 תמוז, אז עדיין לא נעקר ראיות 28 סיון מטעם וסת החודש, אזי, אם לא חזר וסתה הקבוע (באופן א' חזר) ולא קבעה וסת אחר בנתיים (באופן ג' קבעה) צריכה לחשוש גם 28 אב משום וסת החודש, (אופן ב').

לוח ראשי תיבות

ח' — חוששת

ו"ח — וסת החודש

ע"ב — עונה בינונית

הפ' — וסת הפלגה

חו"ק — חזר וסתה קבוע

ר' — ראתה

נ"ר — נעקר ראיות וסתה

ו"ק — וסת קבוע

וש"ק — וסת שאינו קבוע

ל"ר — לא ראתה

לעילוי נשמת

**ר׳ דוד יהודה בן סיני ע״ה**

**טויבא בת מאיר צבי ע״ה**

**ולע״נ גרשון בן יעקב בן ציון**

♦

לז״נ

**הרה״ח ר׳ אליהו**

**בן הר״ר יצחק דוד ע״ה**

נפטר כ״ד אדר הראשון

תדש״מ לפ״ק

◆

# לעילוי נשמת

## הצי׳ מינקא בת הרה״ג ר׳ יעקב הלוי
## נפטרה כח׳ שבט תשמ״ד לפ״ק ת.נ.צ.ב.ה.

---

לז״נ

**האשה החשובה והצנועה**

## שרה בת הרה״ח ר׳
## אברהם ע״ה הויזער

**ט״ו חשון תשמ״ו לפ״ק**

---

לז״נ

## הרה״ח ר׳ אפרים פישל
## בן הרה״ח ר׳ יוסף ארי׳ ז״ל

נפטר אחרון של פסח

שנת תשמ״ז לפ״ק

תנצב״ה

# לעילוי נשמת

מו"ה ישראל בן ר' אפרים ע"ה

כב' מרחשון תשל"ו לפ"ק

מרת חי' מלכה בת ר' אהרן לפידות ע"ה

ב' דשבועות תשכ"ו לפ"ק

איטא בת ר' מרדכי יצחק

י' אדר תשי"ב

---

# לעילוי נשמת

ר' יוסף בן ר' אהרן פלאהר

נבל"ע י' מנחם אב תשמ"ז לפ"ק

ת.נ.צ.ב.ה.

בס"ד

# צום חשוב'ער ליינער:

אונזער שטרעבונג און ציל איז צו פארשפרייטן דעם זייער וויכטיגן ספר'ל אז עס זאל צוקומען צו יעדן איד — מאן און פרוי — לויט זייערע שפראך, וואו נור זיי געפינען זיך. און דאס אלס, כדי צו ערמעגליכן אז זיי זאלן וויסן געניו וויאזוי צו פירן אן עכט אידישע הויז, לויט די טהרת המשפחה פארשריפטן.

ביז יעצט האבן מיר פארשפרייט בע"ה בערך איבער 300.000 ספרים'לעך אין אלע עקן פון דער וועלט, אין אכט שפראכן. מיר האלטן אויך אין מיטן ארבעט מיט נאך עטליכע שפראכן, וואס מען פארלאנגט.

עס איז א גרויסע מצוה און א זכות פאר יעדן אנטייל צונעמען אין אונזער הייליגע ארבייט:

א) מיט פארשפרייטן דעם ספר'ל אין א ברייטן פארם, כדי אז יעדער איינער זאל קענען פון אים געניסן. יעדער פארלאנג, אין יעדער צאל, ווערט צוגעשיקט אומזיסט, איבעראל.

ב) מיט אנטייל נעמען פינאנציעל, צו די געוואלדיגע גרויסע אויסגאבן, פון איבערזעצן, דרוקן און פאר־שפרייטן דעם ספר'ל אין דער גארער וועלט. — יעדע שטיצע ווערט גנוצט אויסשליסליך נור פאר דעם הייליגן צוועק.

ובשכר זה זאלט איר געבענטשט ווערן פון השי"ת בכל מילי דמיטב בגו"ר.